STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06626

DIA SHHITE

Jacob Gordin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא שחיטה

דראמא אין 4 אקטען
פון

יעקב גארדין

ספעציעל געשריעבען פיר

מאדאם קעני ליפצין

פערזאָנען:

ר׳ זיסעל קרוינעס, אַ מורה הוראה, 50 יאָהר אַלט.

קרוינע, זיין ווייב, דיזעלבע יאָהרען.

אסתר׳קע, זייער בת יחידה, 17 יאָהר אַלט.

שמואל יאָסעל, זייער פּלימעניק, 20 יאָהר אַלט.

ר׳ צלאל ראפּאפּאָרט, אַ רייכער האָלצהענדלער, 50 יאָהר.

שיינע העני, זיין טאָכטער פון דעם ערשטען ווייב, 18 יאָהר.

בענטשיק, זיין זוהן פון׳ם צווייטען ווייב, 15 יאָהר.

פרייליין לואיזע, זייער גובערנאַנטין, אַ דיקע דייטשקע, 30 יאָהר.

ר׳ אלקנה, זיין פּריקאַשטשיק, אַ יאָהר 60.

חאַסיע, אַ קעכין

יודען, געסט, ר׳ צלאל׳ס דיענער

אָרט דער האנדלונג: מאָהילעוו, רוסלאנד.

Copyright 1899, by Jacob Gordin
All rights to the play or any part thereof reserved by Mme. K. Lipzin
קאָפּירייטעט אין יאָהר 1899, ביי יעקב גאָרדין.
(אַללע אייגענטהומס־רעכטע געהערען צו מאַדאַם ק. ליפּצין.)
שפּיעלען און דרוקען אָהן די ערלויבניס דער אייגענטהימעריו,
לויט געזעץ שטרענג פערבאָטען.

ערשטער אקט

(דעם רב'ס הויז. אַ גרויס צימער מיט אַ רוסישען אויווען. צווישען אויווען און וואַנד אַ בעט פערהאַנגען מיט אַ פאָרהאַנגעל. אַ ווייסער פארטוך ביים פריפיטשאָק. אויפ'ן פענסטער בלומען פון פאַפיער. אַ שאַפע ספרים ביים וואַנד. אַ גרויסער טיש אין מיטען צימער אויף וועלכען עס שטעהט א ברענענדער לאָמפּ און עס ליעגען מעהרערע ספרים. אין אַ זייט אַ קליין טישעל, אויף וועלכען עס ליעגט אַ גמרא. קרוינע זיצט ביים גרויסען טיש איןברילען און לאַטעט אַ פאָר הויזען. שמואל יאָסעל נעהמט אַרויס פון אַ לאַנגע הילצערנע קעסטעל חלפים, פרופט פגימות, ווישט דאַן אָב מיט זיין אַרבעל ; נעהמט שאַרפשטיינער, שאַרפט און זינגט פאַר זיך אַ ליעדעלע.)

קרוינע. שמואל יאָסעל! (ער הערט ניט.) שמואל יאסעל! עס האָט דיר פערלייגט, שונאי ישראל?

שמואל יאָסעל. וואָס איז, מומעניו?

קרוינע. א מתמיד געוואָרען! שאַרפען דיא חלפים ביזטו א בריה, אבער וויא עס קומט צו לערנען הלכות שחיטה, ווערסט דו אויסגעטרוקענט... וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען? דו ביזט אין שטוב, נאָך וואָס דאַרפסטו רייבען דיא קאַפּאָטע? עס קאָסט דיך וואָלוועל, אָט א פנים?

שמואל יאָסעל. איהר זייט גערעכט, מומעניו, איך האָב פערגעסען (טהוט אויס דיא קאַפּאָטע.) איהר זאָגט, איך לערען ניט הלכות שחיטה מיט התמדה, מומעניו, איהר ווייסט דען ניט וויפיעל איך זיץ אוים ביי דער גמרא חולין? אָי וועה איז מיר—

קרוינע. יא, זיצען זיצסט דו א סך — אָט איז דיא ראיה לדבר (ציינט דיא הויזען.) דיינע תחתונים קענען פאָר דיר עדות זאָגען. אבער וואָס קומט ארויס פון דיין זיצען? אָט הפנים דו האָסט אין קאָפּ א גוי'אישע הירזשענע קאשע... וויפיעל דער פעטער שטאָפּט אין דיר אריין תורה, אַקוראַט וויא אין א לעבעדיגען זאַק.

ש מ ו א ל י אָ ס ע ל. יא, מומעניו, אַז אמת, אַז אנדערער אויף מיין אָרט וואָלט שוין לאַנג געווען אַ למדן מופלג, און מיר קומט אָן אַ יעדע פּיצעלע מיט קרעמענים. און אַז איך וויים שוין יא, דערשרעק איך זיך פאר'ן פּעטער און דיא גאַנצע תורה כולה שפּרינגט ארוים!... מומעניו, וואו איז דאָס עפּעס אסתר'קע?

ק ר ו י נ ע (קוקט אויף איהם לאַנג דורך די ברילען). וואָס האָט עס צו דיר? אי! אי! אי! ווען דיין מאַמע, מיין שוועסטער ברכה, עליה השלום, איז געשטאָרבען, האָב איך מיר געטראַכט, געבליעבען נעבאַך אַ יתום, זאָל ער זיך אויסוואַלגערן ביי מיר אין שטוב; איך האָב ניט קיין זוהן — זאָל ער קריגען דיא סמיכה, און נאָך 120 יאהר זעצען זיך אויף זיסעל'ס כסא הרבנות. איך וואָלט דיר אָבגעגעבען זיסעל'ס חזקה, מיט מיין טאָכטער — און זיי דו דער קאַפּעליוש־מאַכער! אבער, אז זיסעל האלט פון דיר גאָר ניט... ער זאָגט, אז ער קען דיר ניט ארייגקאָלאַטושען דיא גאַנצע הלכות שחיטה, דו וועסט הפּנים זיין נאָר א שוחט און ניט קיין בודק... דו, שמואל יאָסעל, זאָלסט האָבען אזא קאָפּ! א מפלה האָב איך זיך אויף דיר גיכער גערעכט.

ש מ ו א ל י אָ ס ע ל. מומעניו, איהר וועט נאָך זעהן, איך וועל זיין אם ירצה השם א שוחט ובודק, בדאי איך זאָל זיך דעם קאָפּ צופלעטען. (לעגט אוועק דיא חלפים זעצט זיך צו דער גמרא. לערנט:) הכל שוחטין ושחיטתן כשרה. אלע מעגען קוילען און זייער שחיטה איז כשר, חוץ מחרש שוטה וקטן, שמא יקלקלו בשחיטתן. א חוץ פון א טויבען, א שוטה און א קליינעם אינגעל, טאָמער וועלען זיי קאַליע מאכען מיט זייער שחיטה... או!... או!.. הסומא ששחט, וכן השוחט בלילה—אז א בלינדער קוילעט אָדער מי קוילעט ביי־נאַכט... איז זייער שחיטה כשר. (דריקט צו די האַנד צום קאָפּ, שאָקעלט זיך שטאַרק.) איז זייער שחיטה כשר...(ר' זיסעל קומט.)

ר' ז י ס ע ל. (אויפגעלעגט.) קרוינע, גוטען אָווענד... דו בור דאורייתא, האָסט ווידער אָנגעהויבען פּילעווען פון אָנהויב? עם וואַקסט א למדן!... קרוינע, קענסט דו טרעפען, וואָס איך האָב דיר געבראַכט פאַר א בשורה טובה ונאה? חע! חע! חע! וואו איז דאָס אונזער אסתר'קע זאָל לעבען? (טהוט

אוים דיא בעקעשע און שטריימעל, טהוט אָן אַ'ן אַלטען כאַלאַט און א יאַרמולקע.)

קרוינע. אסתר'קע איז ביי דער שכנה, דיא מיידלאך לערנען זיא אויסנעהען א טישטוך... אבער, רבינו ומורינו, וואָס ביזטו עפּעס אזוי לאַמטערעמטעדיג?

ר' זיסעל. א טישטוך אויסנעהען? שוטה, דו; זיא דאַרף עם זעהר נויטיג... (זעצט זיך צום טיש.) דו, למדן, דערלאנג מיר דעם יורה דעה! (עס געשעהט.) קרוינע, יעדעם גליעד, יעדעם אבר צאַפּעלט און ציטערט אין מיר איצט פון שמחה, און מיט ששון וחדוה זאָג איך: „יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם". וויא זאָגען דיא חכמים: אויב א בר אוריין, דאָס הייסט, אויב אַ תלמיד חכם איז „יאָי", איז גוט; אויב אַ מיוחס, איז יאָי ויאָי!... היינט אָבער, אז אי אַ מיוחס, אי אַ למדן, אי אַ גביר אדיר וקצין ונשיא בישראל, איז דאָך טאַקי יא—יאָי, ויאָי, ויאָי, ויאָי! רבי'צין, דו וועסט באַלד פון מיינע פלאי פלאות נשתומם ווערען... למדן, קוק אין דער גמרא אריין, ניט אויף מיר!

קרוינע. איך וועל נשתומם ווערען? אָט הפּנים, דו האָסט געבראַכט גרויסע פלאי פלאות.

ר' זיסעל. רבי'צין מיינע, (שמעקט טאַבאַק.) ר' אלקנה וועט באַלד אהער קומען.

קרוינע. פון אלקנה'ן וועל איך נשתומם ווערען? ווער איז ער?

שמואל יאָסעל. (לערנט.) שוטה וקטן...

ר' זיסעל. ביזט אליין שוטה וקטן... אלקנה איז ר' צלאל ראַפּאַפּאָרט'ס מענש. קענסט ניט אלקנה'ן?

קרוינע. אַ? אלקנה? נו?!

ר' זיסעל. נו! ר' צלאל'קע, דער עושר וקצין, דער מפורסם, דער עלוי וחריף, משכיל וחכם, אויף וועמען מי קען זאָגען אספּקלריא המאירה, דיא לייכטענדע לאַמטערנע, צנא מלא ספרא, אַ קאָרב פול מיט תורה... אי! וואו איז דאָס אסתר'קע?

קרוינע (נעהמט אַראָב דיא ברילען, קוקט אויף איהם). אזוי? אָט הפּנים? קום נאָר אהער, איך וויל וויסען וועלכע פלאי פלאות

דו האָסט. (געהט מיט איהם אין צווייטען צימער.) זעה נאָר וויא לאָמטערעמטעדיג ער איז!

ר' זיסעל. (געהט.) יא, א ווייב דארף אַלעס וויסען, וויא זאָגען דיא חכמים: „אשתך גוצא, גחין ותלחיש לה". אויב דיין ווייב איז אפילו אָט אזא קוצע, בייג זיך אָן און דערצעהל איהר. דו הערסט? אפילו א גוצא. (ביידע אב.)

שמואל יאָסעל. (קוקט זיי נאָך, זיפצט.) אַי וועה מיר... הכל שוחטין ושחיטתן כשרה... אַלע מעגען קוילען... עס איז עפּעס וועגען אסתר'קען... חוץ מחרש שוטה וקטן, טאָמיר וועלען זיי קאַליע מאַכען מיט זייער שחיטה. (אסתר'קע קומט פון דרויסען.)

אסתר'קע. (מיט אַ'ן אַרבייט אין האַנד. זינגט אַ נגון) אבער השוחט בלילה—וכן הסומא ששחט, שחיטתן כשרה; דער וואָס קוילעט ביי־נאַכט און א בלינדער וואָס קוילעט, איז כשר!

שמואל יאָסעל. אסתר'קע, דו קרימסט מיך איבער, דו שלעכטער מענש וואָס דו ביזט!

אסתר'קע. חלילה, איך קרים דיך ניט, נאַרר! איך האָב נאָר געוואָלט א גלאַנץ טהון מיט מיינע לומדות... שמואל יאָסעל, איך וואָלט שוין געקענט זיין א שוחט — איך זאָל ניט מורא האָבען נעהמען א חלף אין האַנד אריין... אהא! שוין ווידער אָנגעוואָרפען ספרים. (שטעלט דיא ספרים אין שקאַפע.)

שמואל יאָסעל. וואָס האָסטו מורא פאַר'ן חלף?... נעם אָט אזוי און פּרוב אויב עס איז דאָ פּגימות... נאָ, געפין א פּגימה, אסתר'קע! (גיט איהר א חלף, ציינט איהר וויא.)

אסתר'קע. געה אַוועק, געה אַוועק, נאַרר! אפילו ווען דו האַלטסט דעם חלף, קען איך ניט קוקען... דאָס האַרץ הויבט אָן ציטערן און מיר ווייזט זי דאָוים, איך זעה בלוט.... (ער בעהאַלט דעם חלף.) אַי, דו, שוחט מיינער, פאַר וואָס האָסטו נעבאָך אזא שווערען קאָפּ צום לערנען?

שמואל יאָסעל. איך ווייס ניט, שטענדיג איז מיר וויא א טשאַד אין קאָפּ.

אסתר'קע. אָרימער אינגעל, ווען איך זאָל דיר קענען העלפען. — (אַ געררויש.) הכל שוחטין ושחיטתן כשרה... (זי ווינקט צו'ן איהם.)

שמואל יאָסעל. (לערנט) יקלקלו... יקלקלו... טאַמיר וועלען זיי קאַליע מאַכען... (ר׳ זיסעל און קרוינע קומען צוריק.)

קרוינע. אַט איז דאָך אסתר׳קע! (אומאַרמט זיא.) אַי, אסתר׳קע, בת יחידה מיינע, קינד מיינס, עס קען זיין, אַט הפנים, מי וועט דיך צונעהמען ביי מיר. וואָס זאָל מען טהון? אויב עס איז בעשערט, זאָל זיין מיט מזל, ברכה והצלחה אמן סלה. (וויינט.)

אסתר׳קע. מי וויל מיך צונעהמען, און דיא מאַמע וויינט. (שמייכעלט.) טאַטעניו, אַט הפנים מי וויל מיך צונעהמען אין סאָלדאַטען... נו, זאָל זיין מיט מזל, ברכה והצלחה אמן סלה... חע! חע! שמואל יאָסעל, דו ווייסט ניט, ווער וויל עס מיך צו־נעהמען?

שמואל יאָסעל. פון וואַנען זאָל איך וויסען? אַי־וועה־מיר... שמא יקלקל... קאַליע מאַכען...

ר׳ זיסעל. שוטה דו, וואָס פרעגסט דו שמואל יאָסלען? דו פרעג מיך. ע! דו, למדן מיינער, מעגסט זיך מטריח זיין! (צייגט איהם אויף דער טהיר.)

קרוינע. אַט הפנים ער איז אַ פרעמדער? ניש־קשה, עס וועט איהם אויך הנאה טהון.

ר׳ זיסעל. נו, האָב אויך הנאה... אסתר׳קע, דיא חכמים זאָגען: „יותר משאיש רוצה לישא אשה", מעהר וויא אַ מאַן וויל נעהמען אַ ווייב, וויל אַ ווייב פון אַ מאַן גענומען ווערען.

אסתר׳קע. (פערשעמט) אַי, טאַטעניו, האָסט ניט קיין אַנדער זאַך פון וואָס צו ריידען...

ר׳ זיסעל. שעם דיך ניט, נאַרר, דאָס שטעהט אין דער גמרא... יאַ! נאָר וואָס דען? אַ אשה האָט אין זיך אַ מדה פון צנועות און זיא קען ניט תובע זיין בפה — דאָס הייסט, זיא קען ניט פאָרדערן מיט׳ן מויל. זיא איז נאָר תובע בלב, זיא פאָרדערט נאָר אין הארצען. נו, דארף מען פון איהרעט וועגען זיך משתדל זיין, און געפינען איהר וואָס זיא פאָרדערט מיט׳ן הארצען — פער־שטאַנען? גנב... חא! חא!

אסתר׳קן. אַי, טאַטעניו, בעסער רעד גאָר ניט דערפון... מי דארף ניט... איך בעט דיך, מי דארף ניט...

ר׳ זיסעל. מי דארף ניט? חא! חא! דו הערסט, קרוינע? מי דארף עס גאָר ניט...

קרוינע. אַ קינד, נו; וואָס ווייס זי?

ר׳ זיסעל. טעכטעריל, ביזט אַ שוטה!... איך האָב דיר געפונען אַ מאַן, אַ חכם, אַ משכיל, אַ למדן מופלג, אַ מיוחס, אַ גביר אדיר, אַ תקיף, דער ערשטער בעל דעה אין קהל! דאָס פערשטעהסטו מיך, איז ניט נאָר פאר דיר גוט, עס איז פאר מיר אויך ניט שלעכט.

שמואל יאָסעל (לערנט.) אי וועה איז מיר... השוחט בשבת וביום הכפורים...

ר׳ זיסעל. הער אויף מיט דיין תורה, דו בור דאורייתא!

קרוינע. מי דארף דיר אַ סך פון איהם ניט דערצעהלען, דו הערסט זיין נאָמען דאָ אין מאָהילעוו יעדע רגע, און זעהסט זיינע מויערן אין שול־גאַס יעדען טאָג.

שמואל יאָסעל. אסתר׳קע, איך פערשטעה... צו דיר שדכנ׳ט זיך ר׳ צלאל ראַפּאַפּאָרט, (לערנט) וכן... וכן... אָי... וואו האַלט איך?

אסתר׳קע. ר׳ צלאל גאָר? שמואל יאָסעל, דו זאָלסט עס זאָגען? (זעצט זיך.) זעהט נאָר, אַ קאַלטער שוויים האָט מיר בעדעקט דעם גאַנצען פּנים. (ווישט דעם שוויים.)

ר׳ זיסעל. חע! חע! אַ יאַ, דו ביזט נשתומם געוואָרען? איך האָב עס פריהער געוואוסט.

אסתר׳קע. טאַטעניו, דו האָסט מיך ניט פערשטאַנען... איך מיין — ער איז אַ׳ן אַלטער מאַן... און... און... איהם קען איך גאָר ניט.. מאַמע, דו ווייסט דען ניט, אז ער איז איצט שוין צום צווייטען מאָל אַ׳ן אַלמן?... ווייס איך? וויא קען עס זיין?... טאַטע, דו אַליין האָסט דאָך ערשט געזאָגט, אַ פרוי דארף געפיען דעם, וועמען איהר הארץ זוכט... אויף מיין וואָרט — מיין הארץ זוכט ניט ר׳ צלאל׳ן. (קוקט אויף שמואל יאָסלען.) ניט אַלע קענען דאָך זיין לומדים און נגידים.

שמואל יאָסעל (שטעהט אויף). פעטער, איהר וועט זעהען, איך וועל זיך איצט אַזוי נעהמען פאר׳ן לערנען...

ר׳ זיסעל. סטיאפקע שוחט, ארוים פון דאנען! (שמואל יאָסעל גיט אַ קוק אויף אסתר׳ן. אב.)

קרוינע. (בייז) וואָס איז? ווילסט אַט הפנים שפּיעלען אַ ליעבע וויא אַ שיקסע מיט אַ חלאָפּ?! חצופה! פערגעס ניט, דיין טאַטע איז אַ מורא הוראה, און מיט זיך אליין האָסט דו ניט וואָס איבערצונעהמען זיך!

ר׳ זיסעל. שאַ, וואָס דאַרפסטו זיך שוין בייזערן? איך וועל איהר ענטפערן על ראשון ראשון... דו זאָגסט, דו קענסט איהם נאָך ניט? וועסט חתונה האָבען, וועסטו איהם אם ירצה השם קענען; קיין אַלטער איז ער כלל ניט, אברהם אבינו איז געווען דריי מאָל אזוי אַלט, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט קטורה זיין ווייב... ער איז אַ איד און מוז דאָך האָבען אַ ווייב, וויא זאָגען דיא חכמים: „כל מי שאין לו אשה, אינו אדם“, ווער עס האָט קיין ווייב ניט, דער איז קיין קיין מענש ניט.

קרוינע. היינט זיינע עשירות אַט הפנים האָסטו פער־געסען? מי זאָגט, ביי איהם אין שטוב שטעהט פיער פּוד זילבער־געפעס, 80 זילבערנע בעכער, זילבערנע לייכטער ביז אין סטעליע. היינט זיינע מויערען? היינט וויפיעל באַרקעס ער האָט אויפ׳ן דניעפּער, וויפיעל פלאָטען ער לאָזט אַלע יאהר שווימען קיין קאטנאַ־רינעסלאוו און חערצאָן.. היינט האָסטו געזעהען וויא ער פאָהרט אין אַ קאַרעטע, וויא אַ מאָנאַרכע...

ר׳ זיסעל. פערגעס ניט, אויב ער וועט אויף מיר חלילה ברוגז ווערען איבער דיר, איז מאָרגען שוין אין מאָהילעוו אַ׳ן אנדערער רב...

קרוינע. אַ יודישע טאָכטער דאַרף ניט קוקען וואָס דאָס הארץ זוכט... גלויב מיר, איך וויס, ער איז אַ שטילער און ער איז מיר ליעב, וויא אַ׳ן אייגען קינד; אבער וואָס איז דער תכלית? אַ יודישע טאָכטער דאַרף קוקען אין תכלית אריין — און דאַרף טהון וואָס טאַטע־און־מאַמע, און וואָס גוטע לייט הייסען טהון.

ר׳ זיסעל. אסתר, אויב דו מיינסט איך וועל דיך ווען־עס־איז אָבגעבען פאר אַ׳ן עם הארץ אַ דלפון, האָסטו אַ מיאוס׳ן טעות... איך בין גיכער צופריעדען זעהן מיין איינציגע טאָכטער אין קבר, איידער צו האָבען אַ׳ן איידעם אַ גראָבען יונג! נאָר

בעסער זאָל איך עס ניט דערלעבען, רבונו דעלמא כולה.

קרוינע. נאַרר, דו מיינסט אָט הפנים, אַז אַזא מאַן איז אַ שפּיעלכעל!

ר׳ זיסעל. נאַ, רבש״ע! איך האָב זיך ניט געריכט פון מיין שטילע, כשרה אסתר׳קע צו האָבען אַזא אומ׳כבוד, יסורים און בזיונות... סטייטש? היכא תמצא, אפילו גוים וואָס האָבען ניט קיין נשמות, האַלטען אויך פון דער מצוה כבוד אָב...

אסתר׳קע. וואָס רעדסט דו, טאַטע? איך זאָל דיר אָנטהון יסורים און בזיונות? פון מיר זאָלסטו האָבען אומ׳כבוד? ניין, חלילה... איך וויים גאָר ניט... טהוט וויא איהר פערשטעהט; איך וועל געוויס ניט געהן געגען דעם ווילען פון מיין פאָטער און מוטער...

קרוינע. נאַרעלע, מיר מיינען דאָך נאָר דיין גליק!

אסתר׳קע. געוויס, איהר וועט דאָך ניט וועלען מיך אויף אייביג אונגליקליך מאַכען...

ר׳ זיסעל. אונגליקליך? שוטה!

אסתרק׳קע. וואָס דו וועסט מיר הייסען טהון, טאַטעניו, וועל איך טהון. (טהרערען שטיקען זיא.)

קרוינע. דו דאַרפסט זיך ניט זאָרגען.

אסתר׳קע. (מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל.) וואָס דאַרף איך זיך זאָרגען, עס איז דען מיין טאָכטער? עס איז דאָך אייער טאָכטער... איך געה צו זיך אין אַלקער... מיר טהוט עפּעס וועה דער קאָפּ. (אב.)

קרוינע. ר׳ זיסעל, זיא איז אַ שוואַכע, זיא זאָל חלילה ניט קראַנק ווערען.

ר׳ זיסעל. שוטה, זיא וועט אם ירצה השם זיין געזונד און צופריעדען, און מיר וועלען האָבען אי נחת, אי כבוד, אי אַלע זיעבען זאַכען. (אַ גערוייש.) שאַ, ווער געהט עס?... אַי, אויף מיין וואָרט, ר׳ אלקנה, (אלקנה קומט אריין.) איהר זיינט געקומען בשלום; וויא זאָגען דיא חכמים: „שלוחי מצוה אינם ניזקין". ווער עס געהט אין אַ מצוה־זאַך, קען איהם גאָר ניט שאַדען... גוטען אָווענד! גוטען אָווענד!

קרוינע. זיצט, לאָזט אייך ניט בעטען... אזא גאַסט! נו, וואָס וועט איהר אונז גוטעס זאָגען?

אלקנה (זעצט זיך) רבי, דער בעל־הבית, האָט קיין פאַר־איבעל ניט, ר׳ צלאל, האָט מיך געשיקט זאָגען, עס קען זיין ער וועט מאָרגען מוזען פאָהרען, האָט קיין פאַראיבעל ניט, קיין קרעמענ־טשוק, וויל ער, מי זאָל ניט מאַכען קיין הכנות— און היינט נאָך... אין תוך גענומען, פאַר וואָס ניט?

ר׳ זיסעל. טאַקי, פאַר וואָס ניט? וועלכע הכנות דאַרף מען צו תנאים, הא?

קרוינע. איך וויים, ביי דיר איז גוט אָהן הכנות.... וואָס הייסט? אָט הפנים גאָר ניט?

אלקנה. ער, האָט קיין פאַראיבעל ניט, וויל ניט קיינע פאַראַדען און קיינע קערמעסלאַך און, אין תוך גענומען— רופט א פּאָאָר מענשען און האָדיע! ר׳ צלאל זאָגט, ער האָט שוין דיא כלה געזעהן פון דער וויטען... ער זעהט!... א׳ן אויג פון א תלמיד חכם. רבי׳צין, אין תוך גענומען, וויא זאָגט מען, נעהמט איהר א׳ן איידעם טאַקי מיט א מאַטניא!

קרוינע. אויב עס איז באַשערט, זאָל זיין מיט לאַנגע יאָהר.

אלקנה. רבי, ער האָט געזאָגט, אויב איהר ווילט ער זאָל קומען, זאָלט איהר איהם שרייבען א צעטעלע... אזא מענש איז ער, איהם געלוסט זיך, האָט קיין פאַראיבעל ניט, און איהר דאַרפט נאָך איהם בעטען.

ר׳ זיסעל. אָך, בכבוד גדול... ניש־קשה, מי מעג איהם בעטען. (נעמט פּאַפּיער, טינט און פעדער.)

קרוינע. (שטיל) זאָלט איהר געזונד זיין, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען... מי רעדט אין גאַנץ מאָהילעוו — איך האָב דאָס געהערט אויף דער לופּאָווע — מי רעדט אויף דער דאַבראָווינקע, אז ע... דיא שיקסע... דיא גויה, וואָס איז ביי איהם אין שטוב, אָט הפנים א גובערנאַטערקע.

אלקנה. האָט קיין פאַראיבעל ניט, א גובערנאַנטקע! איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, וויא זאָגט דער גוי להבדיל: זאָס! וואָרים אין תוך גענומען, אין אזעלכע זאַכען טאָר מען זיך ניט מישען; נאָר אויב איהר ווייסט שוין יא מכח דער גובערנאַנטקע,

וועל-איך אייך זאָגען, פערשטעהט איהר מיך. (דערצעהלט איהר אין דער שטיל.)

ר׳ זיסעל. (שרייבט) לכבוד ידידי הנאהב והנעים, הרב המופלג, המושלם, המפורסם, המהולל, הארז הגדול, תפארת ישראל, נזר יצחק, כתר יהודא, השר הממונה על שבע חכמות העולם, הפטיש המפוצץ סלעים של תורה, כמהורר ר׳ בצלאל עמינדב ראפפאפאָרט יחיה. (שמעקט טאַבאַק.)

קרוינע. א וועהטאָג איז מיר, דו הערסט, ר׳ זיסעל? אָט הפּנים דיא מעשה מיט דער גויה, וואָס איז ביי איהם א גובער־נאַטערקע... הער, וואָס ר׳ אלקנה זאָגט.

אלקנה. וואָס הייסט, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, איך זאָג? פערגעסט ניט, וואָס בין איך מיט ר׳ צלאל׳ן פאַר א פאַניע־בראַט? ער איז ר׳ צלאל, און איך בין אלקנה, און האָדיע!

ר׳ זיסעל. שוטה, דיא חכמים זאָגען: „תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה“, ווען א תלמיד חכם טהוט אַן עבירה ביי־נאַכט, טאָרסט דו שוין ביי־טאָג ניט טראַכטען פון איהם קיין שלעכטס... און צווייטענס, דאָס איז דאָך דיא ראיה, אז ער איז א׳ן עהרליכער יוד, און זעהט, אז ער דאַרף נאָך א מאָל חתונה האָבען... עט! (שרייבט.)

אלקנה. אין תוך גענומען, זאָגט דאָך דאָס ר׳ צלאל אליין... מי רעדט, מי רעדט אויף מיר, זאָגט ער; וויל איך נעהמען ר׳ זיסעל׳ס טאָכטער און וועל פערשטאָפּען מיט איהר אלע לייטי־שע מיילער, און האָדיע!

ר׳ זיסעל. א שאלה נו! מיין בריעף! (גיט אלקנה אַ צעטעל.) קרוינע, פון דעסטוועגען עפּעס כבוד דאַרף מען צוגרייטען... א פּאָאָר ריגער מילך־הערינג... און אפשר קענסטו קריעגען ביי קיילע דיא בעקערקע עטליבע שטיקער קאָרינע לעקאך... און אינגבער־איינגעמאַכץ האָסטו דאָך? דיין איינגעמאַכץ וועט געפעלען ר׳ צלאל׳ן, ער צופּט. עי, שמואל יאָסעל! למדן מיינער, (שמואל יאסעל קומט אַריין.) לויף שוין אריבער צו פאלעק וויינשענקער און זאָג, ער זאָל געבען אויף מיין חשבון צוויי פלעשלעך קדוש־וויין און א קוואַרט גוטע בראַנפען — 50 גראַד. (שמואל יאָסעל אב.) איך וועל ברענגעןביידע דינים און דיא

שוחטים... זאָלען זיי וויסען מיט וועמען דער מורא הוראה איז זיך מתחתן. (טהוט זיך אָן.) קומט, איהר געהט, ר׳ אלקנה?

אלקנה. אין תוך גענומען, קען איך שוין געהן... אבער איך האָב געוואָלט זעהן, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, דיא כלה; ער וועט דאָך מיך נעהמען אויספרעגען: כאַליאַסטרע דו, וואָס האָסטו געזעהן? וועג געזעהן? וויא געזעהן? און טאָמיר וויים איך ניט, איז באַלד: אַלטער פערד! גראָבער יונג! און האָדיע. און טאַקי אין תוך גענומען, פאַר וואָס זאָל איך זיא ניט זעהן?

ר׳ זיסעל. אָך, בכבוד גדול! אסתר׳קע, קום נאָר אַהער, אסתר׳קע!

קרוינע. איהר מעגט זיא אָנקוקען, ניש־קשה... חנ׳עוודיג וויא דיא מוטער רחל... זיא איז נאָך ניט אָנגעטהון... אוי, ווען זיא טהוט אָן דיא פּליאַטע און דיא קליידעל מיט דעם טיורניוק...

ר׳ זיסעל. קרוינע, דו געהסט? (זיא כאַפּט אויף זיך אַ פּאַטשיילע.) ר׳ אלקנה, מיר וועלען זיך מסתמא היינט זעהן.... פער־שפּעטיגט זיך ניט מיט מיין בריעף. (נעהמט זיין שטעקען.)

קרוינע. אָט הפּנים עס איז בעשערט פון ראָט; קום, (אסתר׳קע קומט אריין.) אָט איז אונזער טעכטעריל.. אסתר׳קע, וועסט דו גרייטען צום טיש — מענשען וועלען קומען, (שטיל) און זאָלסט אָנטהון דיא וואָלינע פּלאַטיע... ר׳ זיסעל, אויף אסתר׳קעס חתונה, אם ירצה השם וועל איך שוין טאַנצען מיט דיר אַ פּאָלקע־קאַזאַצקע... (ביידע אב.)

אסתר׳קע. (שטיל) היינט וועלען דאָ זיין מענשען? דאָס איז עפּעס ניט אומזיסט...

אלקנה. היינט וועלען אין א גוטער שעה, האָט קיין פּאַר־איבעל ניט, זיין אייערע תנאים.

אסתר׳קע. (ערשראָקען.) היינט? שוין? וועה איז מיר— וואָס האָבען זיי קיין צייט ניט? (בערוהיגט.) ...איצט אָדער שפּעטער, וואָס איז דער חילוק? (מאַכט דעם טיש.)

אלקנה. איך דיען ביי ר׳ צלאַל׳ן, א גביר! פּס! וויא מי זאָגט: א מאַן מיט א מאַטניא... אבער, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, א האַרטער מענש. שטיין, אייזען, און האָדיע! אין תוך גענומען... וויא אַלט זייט איהר?

אסתר׳קע. איך בין חנוכה געוואָרען 17 יאהר. (זיפצט.) וואָס איז דער חילוק? ווען איך זאָל זיין איצט יונגער, וואָלט עס מיך ניט געפרעהט, און ווען איך זאָל זיין עלטער, וואָלט עס מיך ניט געקימערט...

אלקנה. 17 יאהר? האָט קיין פּאַראיבעל ניט, זיין טאָכטער שיינע העני פון דעם ערשטען ווייב, איז פיעל עלטער פון אייך... זיין זוהן בענטשיק פון דעם צווייטען ווייב, איז שוין אויך, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, אַ בחור... שוין געוואָרען 15 יאהר... אוי, זעהר שלעכטע, פערצויגענע און צובאַליעוועטע קינדער. זיי וועלען אייך דערגעהן דיא יאָהר און האָדיע!

אסתר׳קע. מיין גוטער פריינד, וואָס קען איך זיך העלפען? יצחק האָט געפאָלגט זיין פאטער און איז געגאנגען צו דער עקדה, און פאַר וואָס זאָל איך זיין מעהר מיוחס ביי זיך? (פּער־טראַכט זיך.) גרויסע און שלעכטע קינדער? אוי, וועה איז מיר.

אלקנה. דאָס הייסט, אין תוך גענומען, מעגט איהר דיא קינדער הערען וויא דיא קאַץ... וואָרים אז ער איז אין דער היים, גיט ער זיי, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, דיא חוואָראבע, זיי ציטערן פאַר זיין שיין און האָדיע! אָבער געוועהנליך זיצט ער זעקס חדשים אין יעקאַטערינאָסלאוו. געווים, אַ חסיד, אַ חבד׳ניק, אַ הייסער יוד, ער האָט ליעב וועגען התלהבות וועגען אַ גוטע גלאָז וויין, און אַנדערע זאַכען האָט ער אויך ניט פיינט... ביי דיא חסידים איז דאָס קיין חסרון ניט. ע! האָט קיין פּאַראיבעל ניט, איך בין אַ מתנגד. איהר וועט בלייבען דאָ מיט דער באָליאַטשקע און ער דאַרטען האָט אַ בעל הבית׳טע, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, אַ גויה, אַ חאַזאיקע... אין דעם פּאַך זיינען די חסידים פּונקט וויא דיא געבילדעטע אפּיקורסים און האָדיע! נו, און וועגען דער גובער־נאַנטקע האָט איהר דאָך מסתמא געהערט? דער רב און דיא רבי׳צין וויסען פון דעם יעדע פּיצעלע... מי דאַרף געהן.

אסתר׳קע. זיי וויסען? נו, ווען זיי וויסען, פּער־שטעהען זיי דאָך מסתמא וואָס זיי ווילען טהון מיט מיר... איך וועל זיך פערלאָזען אויף גאָט... ווילענדיג האָב איך, דאַכט זיך, געגען איהם קיינמאָל שווער ניט געזינדיגט, און ער וועט מיך ניט

שטראָפען. (שטעלט גלעזלאַך אויפ'ן טיש.) אה! איהר זעהט, פונקט אין גלעזעל אריינגעפאלען א טהרער.

אלקנה. עס איז, האָט קיין פאַראיבעל ניט, וויא אין פסוק שטעהט: „הזורעים בדמעה... ברנה...“ אז מי שניידט מיט טהרערען ווינט מען מיט געזאַנג... אין תוך גענומען, אַזאַ שידוך איז קיין קלייניגקייט... פס! ר' צלאל ראפאפאָרט... ע! הערט זיי אלע וויא דיא קאַץ און האַדיע! (אב.)

אסתר'קע. אוי! וועה איז מיר! (זעצט זיך ביים טיש קוקט אין לאָמפּ) איך קוק איצט אויפ'ן קעראסין אין לאמפ און טראַכט: וואָס וויים דער קעראסין ווען ער איז אין קלייטעל, וואו איהם ווערט בעשעערט זיין צו ברענען? אפשר וועט ער ברענען ביי א טיש, וואו מען לערנט תורה און מי טהוט מעשים טובים, אָדער א חדר וואו א גזלן שארפט זיין מעסער, אָדער לעבען בעט פון א קראַנקען, אָדער ביי אַ טיש, וואו מי וועט שרייבען תנאים און מי וועט וויינען מיט ביטערע טהרערען. (פערדעקט איהר געזיכט.)

שמואל יאָסעל. (מיט פלעשער וויין און בראנפען, שטעלט זיי אויפ'ן טיש מיט אַ קלאַפּ.) האָסט זיך ערשראָקען, אסתר'קע?

אסתר'קע. ניין!

שמואל יאָסעל. ביזט אליין געבליעבען אין שטוב?

אסתר'קע. יא, איך בין איצט אליין... זאָג מיר, שמואל יאָסעל, וואָס מיינסט דו? יעדע מיידעל ווען זיא ווערט אַ כלה פיהלט אזא ביטערען וועהטאָג? אוי! אויב דאָס וואָס דאָס הארץ פיהלט איז אמת, וועל איך הפנים זעהר אונגליקליך זיין.

שמואל יאָסעל. דו וועסט זעהן, עס וועט זיין פונקט פערקעהרט... פון אנפאנג ווייזט זיך אוים אַ מאָל שרעקליך, און נאכדעם לאָזט זיך אוים צו גוטען. אסתר'קע, פאר וואָס זאָלסט דו זיין אונגליקליך?

אסתר'קע. ביזט אַ גוטער, איך האָב דיר געוואָלט זאָגען, שמואל יאָסעל, אז דאָס, וואָס דו האָסט ניט קיין גוטען קאָפּ צום לערנען, איז ביי מיר קיין חסרון ניט... און... איך וואָלט דיר נאָך עפּעס געזאָגט, אבער איך וויים, איצט טאָר מען דאָס ניט זאָגען... און מי דאַרף ניט... וואָס זאָל מען טהון? יעדע זאַך פיהרט זיך אויף דער וועלט, ניט וויא מיר ווילען, וויא גאָט ברוך

הוא וויל. (שמואל יאָסעל וויינט.) וואָס וויינסטו, שמואל יאָסעל ?

שמואל יאָסעל. איך וויין, ווייל איך בין אַ יתום... ווען מיינע עלטערן זאָלען לעבען, וואָלט איך אפשר איצט ניט געדאַרפט קוקען אויף דיר און וויינען...

אסתר׳קע. דו וויינסט, און ביי מיר האָבען זיך דיא טהרערען אָבגעשטעלט... אָט דאָ, זעהסט ? דאָ... אין האַלז שטיקען זיי מיך... מיר ווילט זיך שטאַרק שרייען און וויינען, און איך קען ניט... (פויזע.) דאַכט זיך אַלעס געגרייט... איך דאַרף זיך נאָך געהן איבערטהון... דו וועסט מיר גלויבען ? דיא הענד זיינען ביי מיר וויא אָבגענומען... מיר דאַכט זיך, תכריכים אויף זיך אַליין וואָלט מיר געווען גרינגער אָנצוטהון... ע! פון דעסט־וועגען דאַרף מען זיך אַזוי ניט אָנבלאָזען, ווען אַ יוד געהט צום יום הדין, האָט ער נאָך אַ פיעל מעהר צובראָכען האַרץ, און דאָך טהוט ער אָן זיין קיטעל, צינדט אַליין אָן זיין וועקסענע ליכט ביים עמוד, און בעט, גאָט זאָל אויף איהם רחמנות האָבען. (געהט.)

שמואל יאָסעל. זאָג מיר, אסתר׳קע, וואָס האָסטו מיר פריהער געוואָלט זאָגען ?

אסתר׳קע. איך? אָך, שמואל יאָסעל, איך האָב דיר געוואָלט זאָגען... ציה ניט דיא פּראָבקעס פון דיא פלעשלאַך מיט גאָבלען. דיא גאָבלען צובייגען זיך. (אב.)

שמואל יאָסעל. ווען איך זאָל אָבער האָבען אַ גוטען קאָפּ צום לערנען ? אָרמער, אונגליקליכער קאָפּ מיינער ?... ווען דער פעטער זאָל מיך ניט שרעקען, וואָלט אפשר מיין קאָפּ געטויגט... ש—שאַ! דיא מוהמע קרוינע געהט!!! (קרוינע קומט מיט אַן אימפּעט.)

קרוינע. וואָס זאָגסטו פּאַרט, איך האָב ניט געקריגען קיין קאָרענעם לעקאָך. אַז מי האָט זיך אַזוי שפּעט געכאַפּט... אבער מילך־הערערינג — די פינגער צו לעקען... וואו איז אסתר׳קע ? טהוט זיך אָן הפּנים ? דו זאָלסט הערען אין גאַס, וויא אַזוי מען איז דאָס אונז מקנא, גאַנץ שקלאָווער ברום איז אויפגעקאָכט— (אַ גערויש.) אַ שלאָג האָט מיך געטראָפען, שונאי ישראל, אָט, הפּנים מי געהט שוין... איך האָב זיך פאַררעדט מיט דיא ווייבער... געה,

שמואל יאָסעל, גיעס אַן פּעטראמאַליום און צינד אָן דיא אנדערע לאַמפּ.

שמואל יאָסעל. מוהמע, אַט הפּנים ביי אייך וועט שוין בלייבען שטענדיג פּעטראַליום פּעטראמאליום. (אב.)

קרוינע. זיי זיינען מקנא, דיא אויגען קריכען זיי ארוים פון קאָפּ... זיי זיינען געדעכט; א שעהנע שפּיעלכעל — צלאל ראפּאפּאָרט — פּס!

ר׳ זיסעל. (מיט עטליכע יודען.) גוטען אָווענד, גוטען אווענד, קרוינע לעבען!

ר׳ זיסעל. זיצט, רבותי, מיר וועלען היינט האָבען א׳ן אונגעריכטען יומא דפּגרא... (נאָך יודען קומען.) אה! ברוכים הבאים! גוטען אָווענד! גוטען אווענד! זיצט, יא, מחשבות׳ן, ר׳ זבולון, איהר ווייסט מכח׳ן פּופּיק... וואָס מי האָט געפּונען א נאָדעל, האָב איך געפּונען צווישען דיא שאלות ותשובות. (ער וויל נעהמען א ספר. עס הערט זיך א גערויש.) שאָ, ווער איז דאָס צוגעפאָהרען.

קרוינע. צוגעפּאָהרען, זאָגסטו? (קוקט אין פענסטער) טאטעלעך מיינע, א פּאַליעטאָן צוגעפּאָהרען... אסתר׳קע, שמואל יאָסעל! (לויפט אום.)

ר׳ זיסעל. שאָ, נארר! וואָס ביזטו אזוי צופּודשעט געוואָרען? ער איז טאקי דער גרויסער ר׳ צלאל ראפּאפּאָרט, אבער מיר זיינען דאָך אויך ניט אבי ווער. וויא זאָגען דיא חכמים: „תלמיד חכם צריך להיות בו שמיני שבשמינית גאוה“, א תלמיד חכם דארף האָבען א קאָפּעצקע גאוה... ע, קרוינע, מע טאָפּט דיא קליאמקע פון טהיר. געה עפען. (קרוינע לויפט עפענען דיא טהיר, צלאל און אלקנה קומען.)

צלאל. גוטען אבענד, רבי, גוטען אבענד, רבי׳צין, גוטען אבענד, אלע—(ווארפט אראָפּ פון זיך זיין אויבערראָק און גיט עס אלקנה׳ן. נעהמט אראָב זיין צילינדער און בלייבט אין א שוינע סאמעטענע יארמולקע. זעצט זיך.) איהר זעהט, איך האָב געבראכט מיט זיך אלקנה׳ן, וויא דיא גמרא זאָגט: „האי צורבאי מרבנן דאזיל לקדש אשה, יולך עם הארץ בהדיה“, ווען א תלמיד חכם געהט מקדש זיין א ווייב, זאָל ער פיהרען מיט זיך א׳ן עם הארץ. (אלע לאַכען.)

אלקנה. האָט קיין פאַראיבעל ניט, איך בין ניט קיין גרויסער למדן, אבער אויף גוטע דעמבעס אין וואלד בין איך א מבין.

צלאל. וואָס מיינסט דו, מיר זיינען אהער געקומען האנדלען א דעמבע? א מתנגד, האָט קיין פאַראיבעל ניט. נעהם אַ בענקעל און זיץ — דו ביזט פון חתן׳ס צד. (בעטראַכט דעם טיש.) אָה, משקה? וויא זאָגען דיא חכמים: „גדולה לגימה שמקרבת רחוקים“, א זופּ איז א גרויסע זאַך, עס מאַכט פון וויטע מענש נאָהענטע קרובים; וויא זאָגסטו אלקנה?

אלקנה. חע! חע! איך זאָג: אלקנה זאָס! און האָדיע.

ר׳ זיסעל. ע! ע! פערשטעהט איהר מיך, ר׳ צלאל, איך האַלט פון דעם כלל, וויא דיא חכמים זאָגען: כל מי שאין יין נשפך כמים בביתו — ביי וועמען אין שטוב וויין גיסט זיך ניט וויא וואַסער, איז ער ניט אין כלל פון ברכה.

אלקנה. און מיינע חכמים זאָגען, האָט קיין פאַראיבעל ניט: פּיאַנאָמו מאַריע פּא קאַליענאַ.

צלאל. און וואו שטעהט עס, אין דער גמרא? (אלע לאַכען) דאָס וואָס דער רבי האָט ערשט געזאָגט מכח׳ן וויין, שטעהט אין „עירובין“, דף ס“ה, 65טע בלאַט... און דיין תורה שטעהט אויף אין דער גמרא „יומא“ אויף דער זיעבציגסטע בלאַט... איהר קוקט מיך אַלע אָן? יא, דאָרטען שטעהט: „כל הנותן בכוס עינו, כל העולם דומה עליו כמישור“, ווער עס קוקט אריין אין כוס, ביי דעם איז דיא גאַנצע וועלט גלייך.

ר׳ זיסעל. וואָס זאָגט איהר, רבותי? אזוי בקי זיין אין תלמוד! (אַלע: פּס!!)

קרוינע (אַפּאַרט). אוי, וואָס פאר א חכם עתיק דאָס איז! קיין בייז אויג...

ר׳ זיסעל. רבותי, אם כן, נו־מיר שוין מאַכען אַ ברכה, ר׳ צלאל, נעהמט אַ ביסעלע! ר׳ זבולון! רבותי, לאָזט אייך ניט בעטען! (גיסט אָן.)

אלקנה. (שמעקט צו זיין גלעזעל.) אוי, ברשות מרנן ורבותי, איך וויים ניט צי ר׳ צלאל וועט טרינקען אזא פּראָסטען בראַנפען...

צלאל. וואָס הייסט, בהמה דו, עס איז דוקא זעהר א גוטער שנאַפּס. לחיים! לחיים! (אַלע טרינקען.)

אלקנה (טרינקט). יא, אין תוך גענומען, איז דער שנאפס טאקי ניט שלעכט.

צלאל. (קוקט זיך אום.) אבער, רבי, וואס הייסט עס? דיא סחורה דארף שטענדיג ווארטען אויף דעם קונה, אבער דער קונה ווארט ניט אויף דער סחורה.

ר׳ זיסעל. אה, איך פערשטעה... וואס דען... וואס דארף מען מאכען שיהות? קרוינע לעבען, רוף אריין אסתר׳קען.

קרוינע. שוין, תיכף. (געהט.) הענד און פיס ווארפט מיר, גלייך איך ווער אליין א כלה. (אב.)

צלאל. דיא חכמים זאגען: „לעולם ישא אדם בת תלמיד חכם“, א יוד דארף נעהמען נאר א תלמיד חכם׳ס א טאכטער; עס איז א משל „לענבי גפן“, וויינטרויבען מיט וויינטרויבען צומישט זיך גוט, אבער וויינטרויבען מיט ווילדע יאגעדעס איז, במחילה, ניט גוט.. אהא, און אט איז טאקי דיא בת תלמיד חכם אליין. (אסתר׳קע, קרוינע פון איין טהיר, שמואל יאסעל פון אנאנדער טהיר מיט א לאמפ אין האנד. אלע בלייבען שטיין.) אה! א חנ׳עוודיגע... נו, חן איז בעסער פון שעהנקייט, און אויגען אויך שעהנע. וויא זאגען דיא חכמים: „כלה שעיניה יפות, אין כל גופה צריך בדיקה“, א כלה וואס האט שעהנע אויגען, דארף מען שוין איהר גאנצען גוף ניט בודק זיין.

ר׳ זיסעל. חע! חע! איהר רעדט אלץ בלשון חסידות, זאלט איהר געזונד זיין... אסתר׳קע, קום אהער, זעץ דיך... דו, תנא ברא, וואס שטעהסטו מיט׳ן לאמפ וויא א פרא אדם? (שמואל יאסעל שטעלט אוועק דיא לאמפ און זעצט זיך ביים קליינעם טישעל. קרוינע פיהרט צואסתר׳קען צום טיש, וואו אלע זיצען.)

קרוינע. זיא איז א שעמעדיגע... האט מורא דעם קאפ אויפצוהעבען... זיץ, אסתר׳קע. (זעצען זיך אקעגען צלאל׳ן) אך, מחשבות׳ן, דיא הערינג(שטעהט אויף.)

אסתר׳קע. מאמעניו, איך דארף דא אליין זיצען צווישען מאנסבילען... אפשר וואלט מען גערופען א פאאר פון מיינע חבר׳טעס? עס איז דאך צום לעצטען מאל?...

קרוינע. (שטיל) וואס דארפסטו חבר׳טעס. שיקסעס רופען חבר׳טעס און זינגען, לאכען... דו זעה בעסער וואס פאר א

חבר גאָט שיקט דיר צו... הער וואָס פאר א חכם ער איז... זעה נאָר א גבורה... ער וועט נאָך, אָט הפנים, צעהן יונגע לייט פערשטופען אונטער׳ן גארטעל. (געהט עפּעס דערלאַנגען. אסתר׳קע זיפצט שטיל.)

ר׳ זיסעל (טהוט אָן דיא ברילען). רבותי, איהר נעהמט דערווייל[ע] צו ביסעלעך און איך וועל פּאוואָליע אָנשרייבען דיא תנאים. (אַלע טרינקען. ער שרייבט.)

צלאל (נעהמט א סיגאַר. צו אסתר׳קען). מי זאָגט, וויין און סיגארען, וואָס זיי זיינען עלטער, זיינען זיי בעסער; איהר זעהט, דיא יונגע דארפען זיך ניט איבערנעהמען... עס גיבט זאכען וואָס ווערען בעסער ווען זיי זיינען עלטער, וויא מיינט איהר?

אסתר׳קע. איך? איך וויים ניט... (אידען זינגען שטיל)

צלאל (פיהרט אלקנה׳ן אין א זייט). וויא געפעלט זיא דיר, אלקנה?

אלקנה. א מיידעל און האַדיע... אבער מיר דאכט זיך, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, ווענינ טעם... א מיידעל דארף זיין א זאלזוליע און האָדיע!

צלאל. ביזט א גולם. זיא איז פון דיא שטילע... דאָס איז בעסער, ווארום ווען א שטילע פרוי, ווען זיא... ע! וואָס פער־שטעהסט דו, אַלטער שוטה?!

אלקנה. אין תוך גענומען, וויא קען איך זיין א מבין אויף אַזעלכע זאכען?

קרוינע (דערלאַנגט עפּיס צום טיש, פארבייגעהענדיג). וויא געפעלט אייך מיין אסתר׳קע, הא?

צלאל. דיא גמרא זאָגט: „כמו שהשאור יפה לעיסה, כן דמים יפין לאשה“, אזוי ווי א ראָשצינע איז גוט צום טייג, אזוי איז בלוט גוט צו א פרוי... זיא האָט געדאַרפט האָבען א ביסעל מעהר בלוט; אבער, ניש־קשה... גאנץ ניש־קשה...

שמואל יאָסעל. (אַפּאַרט.) ער האָט דוקא א גוטען קאָפּ, נאָך וואָס דארף ער איהם? אזא׳ן אַלטער תרח דארף זיין א למדן און איך ניט... אוי, וועה איז מיר...

ר׳ זיסעל. רבותי, דיא תנאים זיינען פערטיג, זאָל השם יתברך געבען מזל.

צ ל א ל. אפילו לבן הארמי האָט אויך געזאָגט: נקרא לנערה, לאָמיר רופען דאָס מיידעל און פרעגען ביי איהר; איידער מי וועט לייענען דיא תנאים, וויל איך, זיא זאָל זאָגען, אויב איהר געפעלט דער שידוך.

א ל ק נ ה. זיא דאַרף זאָגען: יא אָדער ניין... און האָדיע!

ר׳ ז י ס ע ל. מיר וואָלטען אייך חלילה מטריח געווען, ווען איהר זאָל ניט געפעלען? וואָס רעדט איהר, געזונד זאָלט איהר זיין.

ק ר ו י נ ע. איהר זאָל נאָך ניט געפעלען? דאָס איז גוט!

צ ל א ל. איך וויל, זיא אַליין זאָל ענטפערן. זאָגט, אסתר׳קע, געפעלט אייך דער שידוך?

א ס ת ר ׳ ק ע. (שטיל) מיר? (טהרערען שטיקען זיא.) יא!

ר׳ ז י ס ע ל. אַ שאלה! זיא קען ניט שאצען און פערשטעהן? נו, הערט איך בעט אייך... לייענט דיא תנאים. שמואל יאסעל פערשטאָפּט זיך דיא אויערן מיט דיא הענד, דאַן פאַנגט ער אָן אונ־בעוואוסטערהייד צו לערנען.)

ש מ ו א ל י אָ ס ע ל. הכל שוחטין ושחיטתן כשרה. אלע מעגען קוילען...— ווי בלייך אסתר׳קע איז געוואָרען! גלייך מי פיהרט זיא קוילען... אוי, וועה איז מיר! אוי, וועה איז מיר! דאָס איז דאָך דיא אמת׳ע שחיטה.

ר׳ ז י ס ע ל. מזל טוב! מזל טוב!

ק ר ו י נ ע (גיט אַ וואָרף אַ טעלער). מזל טוב! (אַלע) מזל טוב! מזל טוב!

א ס ת ר ׳ ק ע. (האָט ניט געהערט דעם פאַטערס לייענען, נאָר שמואל יאָסעל׳ס ווערטער.) אוי! מאַמעניו! מאַמע! מאַמע! (היסטעריש) חאַ! חאַ! חאַ!

צ ל א ל. (הייבט זיך אויף פון אָרט.) וואָס איז? זיא איז גאָר אַ קראַנקע ביי אייך?

ק ר ו י נ ע. חלילה, ווייס איך, מיידעלשע זאַכען... אסתר׳קע, גאָט איז מיט דיר!... טס! (פערשטאָפּט איהר דאָס מויל, פיהרט זיא מיט שמואל יאָסלען צו דער טהיר.)

ר׳ ז י ס ע ל. עט! וואָס קוקט איהר אויף דיא ווייבערשע שמאָכטעס. (גיסט גיך אָן די גלעזלעך.) נעמט צו קאָפּעלעך! רבותי,

מיר זאָלען דערלעבען ביי אייערע קינדער אויף אזעלכע שמחות. (טרינקען.) טע אַי דע דע דאַם. (אַלע מענער זינגען.)

צ ל א ל. (בייז צו אלקנה.) אָה! ביי מיר אין שטוב וועט זיא אַזעלכע משוגענע שטיק ניט מאַכען!

(אסתר׳קע לאַכט און וויינט מיט אַ פערשטאָפּטען מויל, קרוינע לאָזט זיא ניט. מאַכט: טס! טס! און פיהרט זיא ראַש אין צווייטען צימער. שמואל יאָסעל וויעדערהאָלט דיא ווערטער: אוי, וועה איז מיר! דיא אידען זינגען אַ פרעהליכס.)

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

צווייטער אַקט

(אַ רייכער זאַאַל, לינקס צווישען גרויסע בלומען, אַ טישעל און עטליכע שטוהלען ; אויפ'ן טישעל ליעגט אַ'ן אָפּענער זוהר. רעכטס אַ פּיאַנאָ. צווישען דיא טהירען אַ סאָפקע. שיינע הענע זיצט ביי דער פּיאַנאָ, שטודירט א שווערען עטיוד.)

שיינע הענע. (שפּיעלט און ציילט זינגענדיג. איינס, צוויי, דריי, פיער... איינס, צוויי, דריי, פיער...

בענטשיק. (איינראָפּעאיש געקליידעט, נאָר אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, קוקט זיך אַרום, נעהמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס, פעררויכט, זעצט זיך אויפ'ן סאָפאַ.)

שיינע הענע. איינס, צוויי, דריי, פיער... איינס, צוויי, דריי, פיער. (קוקט זיך אום.) בענטשיק שאַרלאַטאַן, דו רויכערסט ווידער פּאַפּיראָסען? אי ועסטו האָבען פון טאַטען! (שפּיעלט) איינס, צוויי, דריי, פיער.

בענטשיק. מאַמזעל, דערמאַן ניט דעם טאַטענס נאָמען, קענסט זיך אויסריידען אין אַ בייזער שעה, וועט עס איהם אַקוראַט אָנטראָגען. (קוקט ארויס פון טהיר.) ניטאָ אפילו „קיין הונד. (שפּייט איבער'ן ליפּ, צולעגט זיך אויף דער סאָפּא און רויכערט.)

שיינע הענע. מיט גאָטעס הילפע, וועסט שוין היינט כאַפּען פּעטש. (צעהלט.) איינס, צוויי, דריי, פיער...

בענטשיק. אַזוי! (קרימט זיא.) עלף, צוועלף, אכטצעהן, דרייצעהן.. עלף, צוועלף, אַכטצהן, דרייצעהן...

שיינע הענע. לאָז מיך לערנען, עס איז זעהר אַ שווערער עטיוד. (העכער.) איינס, צוויי, דריי, פיער.

בענטשיק. זעהר אַ שווערער! (שרייט נאָך העכער.) עלף, עלף, צוועלף, אכטצעהן, דרייצעהן!

שיינע הענע. אויב איך וועל וועלען וועסט דו באַלד אויפהערען. (צעהלט.) איינס, צוויי, דריי, פיער.

בענטשיק. און אז איך וועל וועלען וועסטו אפילו ניט אָנהייבען. (לויפט צו דער פּיאַנאָ, קלאַפּט מיט'ן קולאק אויף די קלאַווישען) עלף, צוועלף, אכטצעהן, דרייצעהן!

שיינע הענע. העלפאנט, לאָז מיך שפּיעלען! (שרייט.) איינס, צוויי, דריי, פיער!...

בענטשיק. ווערבליוד, איך וועל דיך דוקא ניט לאָזען. (קלאפּט.) עלף, צוועלף, דרייצעהן, אכטצעהן!

שיינע הענע (שרייט). לואיזע! פריילין לואיזע! פּאַפּא! פּאַפּא! קום אהער... אהא! אָט געהט דער פּאַפּא!

בענטשיק. דער טאַטע איז דען דאָ אין דער היים? (זעצט זיך.) פאַר וואָס האָסטו מיר דאָס ניט פריהער געזאָגט? מרשעת! (פערלעשט דעם פּאַפּיראָס און בעהאַלט איהם.)

שיינע הענע. חא! חא! איך האָב דיר געזאָגט, מוסיו שארלאטאַן, דו וועסט באלד שטום ווערען.

בענטשיק. און דו מאַדמאָזעל שאַרלאָטע וועסט באלד טויב ווערען.

שיינע הענע. ביזט אַ שגץ!

בענטשיק. ביזט אַ שיקסע!

שיינע הענע. אזא יונגער שנעק זאָל האָבען אזא טרפה'ן מויל!

בענטשיק. אזא'ן אלטער שקראב זאָל רעדען? אלטעטשקע, (קרימט זיך.) אַלטעטשקע!

שיינע הענע. איך וועל דיר פּלעטען דעם קאָפּ! איך! איך! (זוכט וואס איהם צו וואַרפען. ענדליך כאַפּט זיא אַ שיבעל פון פּוס און וואַרפט איהם. ער וואַרפט עס איהר צוריק. צום צווייטען מאָל כאַפּט ער דאָס שיבעל, לויפט איהר נאָך, וויל זיא שלאָגען, זיא אַנטלויפט און פערטשעפּעט זיך אין טישעל מיט'ן זוהר און וואַרפט עס אום. ער כאַפּט זיא ענדליך, וואַרפט זיא אַרויף אויפ'ן סאָפאַ, שלאָגט זיא מיט'ן שיבעל. זיא מאַכט אַ שרעקליכען געוואַלד.)

בענטשיק. שאַ! שריי ניט! (ווערען שטיל.) אונזער מאַמע, מאַדאַם טעלעפּענטשיק קריכט אהער.

אסתרקע. (לויפט אַריין ערשראָקען.) קינדער, גאָט איז מיט אייך! וואָס טהוט איהר עס? (אטהעמט שווער.)

שיינע העני. וויא אזוי רופסט דו זיא, בענטשיק? חא! חא! חא! (ברענגט אין אָרדנונג איהרע האָר, טהוט אָן דעם שיכעל.)

בענטשיק. איך רוף זיא מאדאם טעלעפענטשיק, פּארלעי וואו פראַנסעי, מאדאם?

שיינע העני. טעלעפענטשיק? חא! חא! חא! (ביידע לאַכען.) פרעג זיא, בענטשיק, אויב זיא קען שפּיעלען דיא ראַספּאַד־ פון ליסט?

בענטשיק. מאַמע, קענט איהר שפּיעלען דיא „ראַספּאַ־ דיע"?

שיינע העני. ראַספּאַדיע?! חא! חא! חא! (ביידע לאַכען שטאַרק.)

אסתר'קע. אייך האָט גאָט געגעבען א רייכען פאַטער, האָט מען אייך געלערנט שפּיעלען. איך אָבער בין אויסגעוואַקסען...

שיינע העני. ביי קבצנים, זאָל גאָט שומר ומציל זיין...

אסתר'קע. עס איז א בזיון? אָרעמקייט איז חלילה קיין בזיון ניט, און רייכקייט אַליין איז נאָך קיין כבוד ניט. (זעצט זיך.) פו, איהר שטיפט און איך האָב געמיינט גאָט ווייס וואָס... און איך האָב זיך ערשראָקען.

בענטשיק. זעהסט, איך האָב דיר געזאָגט, וועסט חלילה איבערשרעקען דיא מאַמע!

שיינע העני. בענטשיק, דו ווייסט, מי טאָר זיא איצט ניט שרעקען... איך האָב זיא א פּאָר מאָל געכאַפּט, וויא זיא זויגט לימענעס בגנבה און שלינגט זויערע אוגערקעס. בענטשיק, חכם, טרעף אדרבא, וואָס הייסט דאָס?

בענטשיק. אוי, איך ווייס... עס איז פאַסטופקעס... אז דער רבונו של עולם וועט זיך מרחם זיין, וועלען מיר האָבען א קליין טעלעפענטשיקעל... ניט אומזיסט זאָגט חאַסיע, דיא קעכין, אז דער טאַטע איז א יונג מיט ביינער.

שיינע העני. טעלע... טעלע... טעלעפענטשיקעלע! חא! חא! חא! (זיי לאַכען.)

אסתר'קע. איך ווייס ניט, וויא אזוי מי קען אין אייערע

יאהרען אזוי רעדען... איך שעם זיך הערען אזעלכע ווערטער... און איך פיהל זעהר מיאוס, און זעהר שלעכט.

ש י י נ ע ה ע נ י. איהר פיהלט שלעכט? נאָך וואָס האָט איהר אייך געאיילט חתונה האָבען? איך בין עלטער פאר אייך און בין נאָך אַ מויד, איהר האָט קיין צייט ניט געהאט?

ב ע נ ט ש י ק. זיא האָט זיך ניט געאיילט. דאָס איז דער טאַטע געשפרונגען פון דער הויט.

ש י י נ ע ה ע נ י. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: איהר האָט איצט ביי מיר אַ שעהן פּנים... נאָר אז איהר וועט ווערען קיילעכיג אין דער טאַליע, וועט איהר מיר זיין עקעלהאַפט וויא אַ זשאַבע (שפּייט) טפו! שעהמען זאָלט איהר אייך!

א ס ת ר׳ ק ע. איהר זייט מיר אַ שונא, אבער איך, שיינע הענדי, ווינש אייך ניט קיין שלעכטס, גאָט איז מיין עדות... און איך זאָג אייך, אז עס וועט קומען דיא ריכטיגע און כשר׳ע צייט, ווען איהר וועט דערפיהלען אַז איהר דאַרפט מוטער ווערען, זאָל אייך גאָט היטען, איהר זאָלט דאַרפען בעהאַלטען און שעמען זיך... (טהרערען שטיקען זיא) וויא... וויא איך! עס איז געוויס דאָ געבענשטע פון גאָט, וועלכע פיהלען זיך גליקליך ווען זיי... דאַרפען... צום ערשטען מאָל... איך האָב עס ביי גאָט ניט פערדיענט... (וויינט. ביידע בלייבען שטיל. (צלאל קומט מיט׳ן אויבערראָק און שטעקען אין האַנד.)

צ ל א ל. אהאַ! תחינות פון ראש חודש בענשען! וואָס איז שוין ווידער?.... יפהפיה! געה צו זיך אין חדר. (שייני הענדי אב.) און דו, יונגאַטש, וואָס געהסט דו ארום פוסט און פּאָס? האָסט ניט וואָס צו טהון? (גיט איהם אַ זעץ מיט׳ן שטעקען. ער כאַפּט זיך אָן ביים ארם, לויפט ארויס.) וואָס איז? זיי האָבען דיך בעליידיגט?

א ס ת ר׳ ק ע. פאר וואָס זאָלען זיי מיך בעליידיגען? מי בעליידיגט ניט אַ מענש אומזיסט.

צ ל א ל. (טהוט זיך אויס.) ווען דו זאָלסט אָבער ניט זיין אזא צוקראָכענע רבני׳שע לעמעשקע, וואָלטען זיי דיר ניט געטראָטען אויפ׳ן קאָפּ.

א ס ת ר ׳ ק ע. איך בין ניט שולדיג, ר׳ צלאל, איך קען נאָר זיין וויא איך בין.

צ ל א ל. קוק זיא נאָר אָן, א פערקרומטע, א זויערע, ע! האָסט קיין שכל ניט! ווען איך קום, זאָלסט דו שכל האָבען און בעגעגנען מיך אזוי... פריי... מעשה שייגעץ! ווען דו זאָלסט זיך אָנטהון א ביסעל מעהר ווייבעריש— און קוקען אויף מיר לעבעדיגער, מיט מעהר תאוה, וואָלסט דו מעהר הנאה געהאט פון לעבען... איך פאָרדער ניט פון דיר, דו זאָלסט זיין א הייליגע רבי׳צין (ווינקט) פערשטאַנען? אֵי, וועה איז מיר! דער זוהר ליעגט אויף דער ערד. (הייבט איהם אויף, קושט איהם.)

א ס ת ר ׳ ק ע. דאַנקען גאָט, איך פערשטעה שוין איצט א ביסעל וואָס איהר מיינט... אבער... וואָס זאָל איך טהון? דאָס הארץ דערלאָזט ניט, פערשטעלען זיך און זיין חלילה פאַלש, קען איך ניט... און צווינגען זיך, האָב איך קיין קראַפט ניט.

צ ל א ל. אסתר, איך זאָג דיר פריהער, איך וועל שוין ווי אזוי עס איז אויסקומען, דיר אָבער וועט עס ארויס באָקעם! עי! ווער איז דאָרט?... דערלאַנגט מיר מיין ליולקע! (זעצט זיך צום טישעל) און איך וועל דערווייל לערנען א שטיקעל זוהר: „הדא הוא דכתיב ד׳, מי יגיר באוהלך, הולך תמים ופועל צדק, מאן הוא אלא אילון“. (בענטשיק ברענגט א לאַנגע ליולקע.) קען עס ניט א׳ן אנדערער טהון? נאָר דו? עהע, דו שרץ, איך פערשטעה, האָסט דערווייל גע׳גנב׳עט א פּאָר פּאַפּיראָסען— הא.? (בעזוכט איהם.)

ב ע נ ט ש י ק. ווער? איך— פּאַפּיראָסען? זאָל איך ניט דערלעבען אָוועקגעהן פונ׳ם אָרט...

צ ל א ל. און וואָס איז דאָס אין בוזעם־קעשענע? (געפינט ציגאַרען.) ציגאַרען גאָר? דו רויכערסט ציגאַרען, קאַרמאַנטשיק!

ב ע נ ט ש י ק. זאָל איך קרענקען, אויב איך רויכער... איך האָב צוגעזאָגט פעדאָר׳ן דעם קוטשער צוויי ציגאַרען.

צ ל א ל. ביזט גאָר א גוטער ברודער מיט פעדאָר׳ן? מיינע ציגאַרען שלעפּען? הא! דערלאַנג מיר אקאָרשט דעם שטעקען.

ב ע נ ט ש י ק. (געהט נאָכ׳ן שטעקען.) טאַטעניו, וויא איך בין א אידיש קינד, איך וועל עס מעהר ניט טהון. (דערלאַנגט דעם שטעקען.)

אסתר׳קע. (שטעהט אויף ערשראָקען.) שלאָגט איהם ניט, ר׳ צלאל, איך בעט אייך, שלאָגט איהם ניט. כדאי איבער א סיגאר שלאָגען א קינד מיט א שטעקען.

צלאל. ארויס פון דאנען, שייגעץ! (שפּאַרט זיך אָן אן שטעקען, רויכט און לערנט.)

בענטשיק. (גערענדיג.) דיא מאדאם טעלעפּענטשיק איז טאקע א גוטע. (ווינקט צו אסתר׳קע.) איהר זעהט? צוויי סיגארען האָב איך דאָך בעהאלטען אין ארבעל. (שפּרינגט ארויס. אב.)

אסתר׳קע. אוי! קען מען דאכט זיך מעהר מורא האָבען פאר א טאטען, וויא פאר ר׳ צלאל׳ן? פון דעסטוועגען איז ביי בענטשיק א שפּיעלכעל צו זאָגען א ליגען, שווערען פאלש, גנב׳ענען... הפּנים עס איז זעהר א גרויס אונגליק ווען קינדער וואקסען אָהן א מאמע... וועה איז מיר, ווער וויים, אפשר וועט מיין קינד אויך בלייבען א יתום... ביי ר׳ צלאל׳ן שטארבען אלע ווייבער. (מיט א שמייכעלע.) מיין קינד? איך רעד שוין פון מיין קינד, און ער וויסט נאָך ניט... אפשר איז דאָס פון מיר א׳ן עולה? (פערשעמט.) ר׳ צלאל...

צלאל. (לערנט מיט התמדה.) דמתקנו למטרונ־תא בטכשיטהא בלבושהא בעטרהא...

אסתר׳קע. ר׳ צלאל, איך האָב אייך געוואָלט זאָגען... איהר הערט?

צלאל. בהמה, איך דארף ניט הערען וואָס דו זאָגסט, דו דארפסט הערען וואָס איך זאָג. (פריינדליכער.) שוטה, וויי־בער האָבען מיר שוין אלעם אויסגעזאָגט. עס איז ניטאָ א זאך, וואָס א פרוי זאָל מיר זאָגען און איך זאָל עס ניט וויסען... נו? אדרבה, נו׳ם־איך הערען, וואָס האָסטו געוואָלט זאָגען.

אסתר׳קע. איך... איך... האָב געוואָלט זאָגען, ר׳ צלאל, לאָזט מיך געהן א ביסעל צו אונזערע, איך בענק אזוי נאָך דער מאמען.

צלאל. סוף הכל! ערשטענס, צלאל ראפּאפּאָרט׳ס ווייב געהט ניט, זיא קען בעשטעהן צו פאָהרען, קענסט הייסען איינשפּאנען איין פערד אין א דראָשקע, אָדער צוויי פערד אין דער נאיטעטשאנקע אָדער דריי פערד אין א קאליאסקע, אָדער טאקע פיער פערד אין א

קארעטע... און פאָהרען, פערשטעהסטו מיך, דיא גאנצע שטאדט זאָל זעהן ווער עס פאָהרט. צווייטענס, וויל איך ניט דו זאָלסט פאָהרען אהין צו דיא בערקוטען אויף דער ליפעלאָווע, און דו וועסט מוחל זיין זיצען אין דער היים... אז דיין מאמע וועט דיך וועלען זעהן, וועט זיא קומען אהער... ניש־קשה, מי קען אין מאָהילעוו געפינען, וואו צלאל ראפאפאָרט וואָהנט... (לערנט.) יא, בטכשיטהא בלבושהא בעטרהא...

אסתר׳קע. וועל איך געהן צו זיך אין צימער, ר׳ צלאל... ניט פאר אייך געדאכט, איך פיהל ניט גוט.

צלאל. צווישען מענשען זיין! ביי זיך וועסט דו בלייבען א רב׳ס א ציעג. (לערנט.) שולטנא על שולטנא... ע! שיינע העני! אהעד געה, שיינע העני! זעץ דיך און שפיעל איהר עטוואס. (שיינע העני ערשיינט.)

שיינע העני. טאטע, איך קען יעצט ניט שפיעלען. (אפּאַרט.) איך זאָל פאר איהר שפיעלען! אזא חוצפה!

צלאל. זעץ דיך צום פאָרטאָפּיאן, דו! (לערנט) ושולטנא על שולטנא.

שיינע העני. מיר רייסט א פינגער.

צלאל. פינגער, שמינגער! טהו ווי מי הייסט דיר! (שיינע העני זעצט זיך צום פאָרטאָפּיאן.)

שיינע העני. (בייז) נו, וואָס זאָל איך אייך שפיעלען, מאדאם?

אסתר׳קע. איך ווייס ניט. (זיפצט) אוי, וועה איז מיר!

שיינע העני. איהר זייט אנדערש ביי אייער טאטען ניט געוואוינט געוואָרען... נו, וואָס זאָל איך אייך שפיעלען? רובינשטיינס קאָנצערט, שאָפּענס נאָקטיורנע, אָדער איהר ליעבט אפשר בעטהאווענס סאָנאטען... וואָס שווייגט איהר?

אסתר׳קע. וואָס זאָל איך דיר זאָגען? איך האָב געהערט, מי דערצעהלט, ווען מי האָט דיא פוילישע פריצים געפיהרט צו דער תליה, האָט מען זיי געשפּיעלט נאָהינסקעס מארש — שפּיעל עס מיר... אז ניט שפּיעל מיר דעם ביטערען ניגון וואָס דו זינגסט, ווען דו דערמאָנסט זיך, אז דיין אָרימע מאמע איז געשטאָרבען... אָדער אפשר שפּיעל מיר דאָס ליעדעל וואָס דו זינגסט, ווען דו בערעכענסט

דיך, אז כאָטש דו ביזט ר׳ צלאל ראַפּאָפּאָרט'ס טאָכטער, ביזטו דאָך אַ'ן עלענדע יתומה, און האָסט ניט פאַר וועמען דיין ביטער הערץ אויסרעדען. (שיינע הענדי פאַלט צו צום פּיאַנאָ מיט אַ געוויין.) יא, שפּיעל מיר אזעלכע ליעדעלעך אזוי לאנג, ביז מיין קראנק הערץ וועט זיך צורייסען און דו וועסט ניט דארפען שפּיעלען מעהר פאַר מיר. פאַר דיין שטיעפמוטער... אוי, וועה! וועה! וועה! (פערברעכט דיא הענד, וויינט.)

צלאל. וואָס איז דאָס, חמורים? פע! טהרערען גאָר? (ביידע פרויען ווישען אויס דיא אויגען. זיא שפּיעלט „מאַרש פּע־נעבראַ". אסתר הערט אויפמערקזאַם צו. נאָכ'ן שפּיעלען שיינע הענדי ראש אב.)

אסתר'קע. (פערטראַכט.) הפּנים ווען אַ מענש האָט אַ צו־בראָכען הארץ, וויינט זיין ליעד... און ווען ער איז גליקליך, איז זיין ליעד פרעהליך. (אַ גערויש.)

אלקנה. (לויפט אַריין ערשראָקען מיט אַ טעלעגראַמע אין האַנד.)

צלאל. וואָס איז? וואָס איז, אַלטער פערד?

אלקנה. א טעלעגראמע און האַדיע, אבער, האָט קיין פאַר־איבעל ניט, א שלעכטע בשורה: איינער פון אונזערע פלאָטען איז ארויף אויף אַ פאַראַג און צוריסען געוואָרען. (גיט צלאל'ן די טעלע־גראַמע, ער וויל ניט נעהמען.) קאַפּאַסטראַקאַ!

צלאל. סף הכל? גולם! דו פערשטעהסט ניט, איך וועל האָבען איצט א תירוץ ניט צו צאָהלען קיין חובות וויפיעל צעהן פלאָטען זיינען ווערטה. קאטאסטראפא איז בא איהם קאטאסט־ראקא!

אלקנה. אין תוך גענומען איז דאָס טאָקי אזוי; אבער, האָט קיין פאראיבעל ניט, דרייצעהן בורלאַקעס זיינען דערטרונקען געוואָרען... און זעליג פּריקאַשציק מיט חצקאל בוכהאלטער אויך... צוויי אידישע נפשות, האָט קיין פאַראיבעל ניט.

צלאל. נו, וועט זיין וויניגער מיט דרייצעהן לאַפּאַצאַנעס. קאַרג לאַפּאַצאַנעס האָט דער רבונו של עולם? אַי די אידען? דאָ קען מען דאָך גאָר ניט רעדען, זייער גזר דין איז דאָס... מי באש ומי במים...

אלקנה. אין תוך גענומען שטעהט טאָקע דער גזר דין

אין דעם ונתנה תוקף, אבער דאָך, האָט קיין פאַראיבעל ניט... אזוי פיעל מענשען דערטרונקען געוואָרען...

צ ל א ל. שוטה! ווער עס שווימט דארף וויסען, אָדער ער וועט אריבערשווימען, אָדער דערטרונקען ווערען. (נעמט דיא טעלער־גראַמע, לעזט.)

א ל ק נ ה. (צו אסתר׳קען.) אז מי דארף רעדען מיט ר׳ צלאל׳ן — איז דער צונג צוגעקלעפט וויא מיט סמאָלע... זעליג האָט געלאָזט אַ׳ן אלמנה מיט זעקס קינדער... און אויף דיא בורלאַקעס מיינט איהר איז קיין רחמנות ניט? זיי געהען מיט סכנות נפשות ארבייטען — און וואָס האָבען זיי? נאָך ווינטער גיט מען זיי א פּאָר קערבלאָך, אַ זעקעל קאָרענע מעהל, אַ באַליאַטשקע, און האָדיע! האָט קיין פאַראיבעל ניט, עס איז אַ צער בעל החיים...

צ ל א ל. שאַ! אלקנה, איך האָב אַ טייערען פּלאַן! רוף מיר אריין באַלד פריילין לואיזע— (אלקנה אב.) אויסגעצייכענט! אַי! אַי! אַ גוטער איינפאַל.

א ס ת ר׳ ק ע. (שטיל) ר׳ צלאל, אייער פּריקאַשציק ר׳ זעליג האָט געלאָזט אַ פרוי מיט זעקס קינדער...

צ ל א ל. (געהט אום אויפגעלעגט.) אַי, דול מיר ניט דעם קאָפּ! אַ פּלאַן, פּסט!... גוט! גוט! טאַ אי דע דעם... (זינגט א חסידל קנאַקט צו מיט׳ן פינגער.)

ל ו א י ז ע. (אריינקומענדיג.) נון, וואָס ווינשט מיין העררִ? מאַלצייט, גנעדיגע פרוי. אָך, יאַ, זיא האָבען ווידער דעם שראַנק מיט דיא זילבער־געשיער אָפען געלאססען... זיא קריעגען דיא שליססעל ניכט מעהר, מאַדאַם; איך בין אים הויזע פיר אַללעס פערַאנטוואָרטליך... פערשטעהען זיא דאס? איינע ווירטהין מוסס פּאָרזיכטיג זיין. נון, העררִ ראַפּאָפּאָרט?

צ ל א ל. זעצט אייך, לואיזע, און שרייבט מיר אָן אַ שעהנעם בריעף אויף פראַנצויזיש צום גובערנאַטאָר. (לואיזע זוכט טינט און פּאַפּיער.) פערשטעהסט, אלקנה? איך האָב געהערט מאחורי הפרגוד, אז דער גובערנאַטאָר קרומט דיא נאָז... וויל איך דיא נאָז פון יעהא פּרעוואסחאדיטעלסטווא גלייך מאַכען... איך שיק דורך: זיין קאָנצעלאַריע צו יעדע פאַמיליע פון דיא דערטרונקענע לאָפּאַצאַנעס — צו 25 רובעל... חע! חע! עס איז ניט נאָר פאַר מיר;

עס וועט זיין א טובה פאר'ן כלל ישראל, און עס קען נאָך זיין, מי וועט שרייבען פון מיר אין דיא האזעטען. נון, שרייבען זיא, מיין לואיזכען. (זעצט זיך לעבען איהר און דיקטירט.)

אלקנה. איין וואָרט, א גמרא קאָפּ און האָדיע! (חאַסיע ערשיינט.)

אסתר'קע. וואָס ווילסט דו זאָגען, חאַסיע?

חאַסיע. וואָס ווייסט איהר? איך וויל פרעגען פריילײַן לואיזע. (שטיל.) ביי איהר טאַטען אין הויז האָט זיא געזעהען אזא בעל־הבית'שקייט!

לואיזע. (קעהרט זיך אום.) וואָס איזט?

חאַסיע. זאָל איך דעם שאַפּליק מיט דיא אייזערנע רייפען לאָזען אין קעלער?

לואיזע. געהען זיא, איך קאָממע גלייך! (שרייבט.) „געריהרט מיט געפיהלע פאָן מיטלייד"...

חאַסיע. ביי איהר געדארפט פרעגען! א בעל הבית'טע! איהר פאַסט אזוי צו זיין מאַדאַם ראַפּאַפּאָרט, וויא א בהמה פאַסט א זאָטעל. (אב.)

אסתר'קע. (מיט א שמייכעל.) קיינער פערגינט מיר ניט צו זיין מאַדאַם ראַפּאַפּאָרט... זיי מיינען, עס איז זעהר א גרויס גליק... אוי! ר' אלקנה, עס איז אזוי שווער, ווען מען איז ארומ־גערינגעלט מיט שונאים... יעדער שטעכט דיך מיט דיא אויגען, מיט ווערטער, (טהרערען שטיקען זיא.) און קיין גוט וואָרט הערט מען ניט פון קיינעם.

אלקנה. אין תוך געגומען, גיט א שפּיי אויף זיי — און האָדיע! וואָס זיינען זיי? האָט קיין פּאַראיבעל ניט, קאַזיאַוּוקעס!...

צלאל. (שפּרינגט אויף.) ניין! גענוג שרייבען... מיר וועלען עס מאַכען נאָך בעסער! פּאָרטרעפליך! (נעממט אַרום לואיזע'ן ביי דער טאַליע.) „שמור וזכור בדבור אחד".

אלקנה. אז ער דערזעהט דיא נקבה איז ביי איהם „שמור וזכור" און האָדיע!

לואיזע. (שטויסט איהם לייכט אָב.) העֶרר ראַפּאַפּאָרט, וואָס טהוען זיא? פּפוי! היער איזט דאָך דער אַלטע אלקנה אונד איהרע גנעדיגע פרוי...

צלאל. מיין גנעדיגע פערשטעהט ניט אזעלכע זאכען — און אלקנה'ן הער איך וויא דיא קאץ!... אלקנה, איך פאהר אליין צום גובערנאטאר, געה היים מיר איינשפאנען מיין נייע וויענער קאלאסקע און דוקא מיט פיער פערד נאשפיץ! זאג דעם קוטשער, ער זאל אנטהון דעם נייעם ארמיאק, און דו צוקעם דיין לאנגע בארד — וועסט זיצען מיט'ן קוטשער אויף דיא קאזלעס... חע! חע! איך פאהר אליין... עס וועט זיך אבטהון אין שטאדט: צלאל ראפאפארט פאהרט צום גובערנאטאר... טע־אי־דע־דעם.. (זינגט א חסיד'ל. אב.)

אלקנה. נו, נו, נעחאי צוקעם דיא בארד און האדיע. (אב.)

לואיזע. וואס וויל אייגענטליך דיא פרוי חאסיע האבען? (וויל געהן.)

אסתר'קע. איך האב אייך עטוואס געוואלט פרעגען, אבער איך ווייס ניט, אויב איהר וועט פערשטעהען מיין לשון, מיין שפראך.

לואיזע. אה, זא פיעלע יאהרע היער אים הויזע... איך שפרעכע שאן זעלבער איין אויסגעצייכענטעם יודיש, חא! חא! איך בין שאן אליין גאנץ מבולה...

אסתר'קע. האט קיין פאראיבעל ניט, איך מיין— נעהמט ניט פאר אומגוט... איך האב אייך געוואלט פרעגען, איהר... איהר... האט איהם ליעב?

לואיזע. וואס? איהם ליעב? אה, אונזינן. איך האבע איינען געליעבטען אין דויטשלאנד, שאן צעהן יאהרע איזט ער מיין שאץ.. ער ערוואארטעט מיך, וויר ווערדען הייראטהען אונד איינעווירטהשאפט קויפען, ווען איך ווערדע נאך ברעסלוי צוריקקאממען.

אסתר'קע. וויא קומט עס אבער?...

לואיזע. געוויס, זאלאנגע איך האבע נאך דיא מעגליכקייט יעדעם יאהר איין פאאר טויזענד מארק צו מאכען— ווארום ניכט? איך בין ניכט אידעאליסטיש געזאננען.

אסתר'קע. איך האב אפילו ניט אלעס פערשטאנען, וואס איהר האט מיר געזאגט, אבער איך האב פערשטאנען גענוג... איהר האט איהם ניט ליעב, וואס־זשע? האט ער אייך ליעב?

לואיזע. אָה, וואָס נאָך? נאַטירליך, מעננער ליעבען איינע קאָרפּולענטע פרוי... איך בין עס...

אסתר'קע. וואָס הייסט עס?

לואיזע. זאָ, איינע דיקע פרוי... מעננער ליעבען, דיא פרוי זאָלל פיעל קערפּער האבען... איך געבע ניכטס ד'רום... אונד דעם ליעבען הערר גאָטט איזט עס אויך געווים גאַנץ עגאַל... איך וואר אַרם... מיין שאַץ וואר אַרם, מוסס מאַן דאָך עטוואס געלד מאַכען... (געהט.) וואס וויל אייגענטליך דיא חאַסיע? פרוי ראַפּאַפּאָרט, זיא פערשטעהען יאָ גאַר ניכט דאָס לעבען אונד דיא וועלט. וויא קאַנן זאָ איינע פרוי הייראַטהען? (אב.)

אסתר'קע. ביי דיא דייטשען הפנים דאַרף מען פריהער פערשטעהען דאָס לעבען און נאָכדעם הייראַטהען... ביי אידען איז פונקט פערקעהרט: פריהער האָט מען חתונה, און נאכדעם האָט מען אזוי פיעל צרות, ביז מי לערנט זיך אוים צו פערשטעהן (פער־טראַכט זיך. ר' זיסעל און קרוינע קומען שטיל אַריין.)

קרוינע. אָט איז אונזער אסתר'קע, וואָס מאַכסט דו פאָרט?

אסתר'קע. (מיט פרייד.) מאַמעניו! (צוקושען זיך.) דער טאַטע! אוי, וואָס פאַר א געסט... זיץ טאַטעניו.

קרוינע. זעה זיסעל, וואָס פון איהר איז געוואָרען! אסתר'קע, פאַר וואָס קומסט דו ניט אַריין א מאָל? אָט הפנים ער לאָזט דיך ניט? האָסט א גוטע דאָליע מיין טאָכטער, אז אָך און אז וועה...

אסתר'קע. וואָס הייסט, חלילה, ער לאָזט מיך ניט? גאָר ניט אזוי, עס מאַכט זיך ניט...

ר' זיסעל. זעהסט, שוטה! און זיא מיינט, אַז מען קוילעט דיך דאָ. (גלעט זיא איבער'ן קאָפּ.)

קרוינע. איך וויים? מי דערצעהלט, ער מאַכט פון דיר א תל עולם.

אסתר'קע. מי האָט דיר פאַר דער חתונה אויך דער־צעהלט, האָסט דו דאַמאַלס ניט געוואָלט גלויבען. פאַר וואָס זאָלסט דו איצט גלויבען?

קרוינע. ער איז א גזלן, הא? ער פערצאפּט דיר דאָס בלוט? זאָג מיר דעם אמת...

אסתר׳קע. מי צאַפּט דאָ ניט קיין בלוט חלילה, און דאָ איז ניט קיין גזלנים... מענשען, וויא אַלע מענשען...

קרוינע. פאר וואָס־זשע זעהסט דו אזוי אויס? וועה איז מיר...

אסתר׳קע. איך ווייס ניט. (פערשעמט.) עס איז אפשר וויילֿ... בייג זיך צו, מאַמעניו, וועל איך דיר זאָגען. (זאָגט איהר אין אויער.)

ר׳ זיסעלֿ. (קוקט זיך אַרום.) דיא חכמים זאָגען: „דירה נאה, אשה נאה, כלי נאה, מרחיבין דעתו של אדם". א פיינע דירה, א פיינע ווייב, א פיינע כלי מאַכען ברייט דעם דעת פון א מענשען... און ביי רב צלאל׳ן קיין עין הרע...

קרוינע. (מיט פרייד.) הער בעסער, זיסעל, אוי, געזונד זאָל זיא זיין, אונזער אסתר׳קע אָט הפנים איז דאָך...

אסתר׳קע. ניין! ניין! שאַ! שוויינ! וואָס טהוסט דו? (לעגט איהר האַנד אויף קרוינע׳ס מויל. דער רב לאַכט, קרוינע רייסט זיך רעדען. אסתר׳קע פּראָטעסטירט לעבהאַפט.)

צלאל. (קומט אַריין, איבערגעטהאָן.) אָה! מיט זיי איז זיא אויפגעלעגט, און מיט ווען מי דאַרף, קען זיא דעם מויל ניט עפנען; אזוי וויא א קעלבעל איז זיא ביי אייך אויסגעוואקסען.

ר׳ זיסעל. האָט קיין פּאַראיבעל ניט, ר׳ צלאל, דיא חכמים זאָגען: „לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו". שטענדיג זאָל מען אָבהיטען דעם כבוד פון א ווייב. וואָרים נור צוליעב איהר געפינט זיך דיא ברכה אין שטוב, שנאמר, וואָרים אין פסוק שטעהט: „ולאברהם הטיב בעבורה". אברהם׳ן האָט גאָט גוט׳ס געטהאָן צוליעב איהר...

צלאל. איהר זייט טאַקע דער מאָהילעווער מורה הוראה, אבער עס איז דאָך א ליגען, אין פסוק שטעהט ניט ולאברהם הטיב, עס שטעהט לאברם, ער האָט נאָך ניט געהייסען אברהם.

ר׳ זיסעל. זאָל זיין אברם; איהר ווייסט דאָך, איך בין ניט קיין גרויסער בעל דקדוק.

צ ל א ל. (אויסער זיך.) מיט וועמען רעדסט דו דאָס? דו! אבער דקדוקי עניות קענט איהר... וואָס זייט איהר געקומען? נעהמען מעשר פון אייער פעלד?

ר׳ ז י ס ע ל. אז אפילו יא, איז דאָס אויך קיין עולה ניט; וויא זאָגען דיא חכמים: „לבא בכסא תליא“, דאָס הארץ הענגט אָב פון בייטעל...

צ ל א ל. פון בייטעל, געווים; דארויף זייט איהר דאָך א רב... נו, ווי פיעל קומט אייך פאַר אייער שאדען?

ק ר ו י נ ע. אונז קומט אין גאנצען, ר׳ צלאל! ווארום וויא מיר האָבען געהערט, זייט איהר געגען אונזער קינד א גזלן, א רוצח, א׳ן אכזר!

צ ל א ל. רבי׳צין, און וויא איך האָב געהערט, זייט איהר א... קומט אהער, וועל איך אייך זאָגען אויפ׳ן אויער וואָס איהר זייט!...

ר׳ ז י ס ע ל. ר׳ צלאל, מיר ווילען אייך חלילה ניט פוגע בכבוד זיין. קרוינע, שאַ! פערגעס ניט דערווייל, דו רעדסט מיט ר׳ צלאל׳ן!

ק ר ו י נ ע. ער איז טאקע, ר׳ צלאל, אבער ער מאכט פון זיך צו א גרויסען צימעס...

צ ל א ל. שווער, זייט־זשע מוחל, נעהמט דעם וועג... אז איך וועל האָבען א שאלה.. שאלת נשים, וועל איך נאָך אייך שיקען, איהר זאָלט פסק׳ענען... טהייערע שוויגער, זייט־זשע מוחל, צו אלע שווארצע יאהר; איך דארף פאָהרען צום גובערנאטאָר...

א ס ת ר ׳ ק ע. ר׳ צלאל זייט ניט אזוי בייז...

ר׳ ז י ס ע ל. דיא חכמים זאָגען: כל אדם שיש בו עזות פנים, וועט ער געשטרויכעלט ווערען מיט א׳ן עברה.

צ ל א ל. (בייז.) איך וועל אייך זאָגען וואָס דיא חכמים זאָגען: „לית עניא מכלבא“— דער גרעסטער אָרימאן איז א הונד!

ר׳ ז י ס ע ל. (בייז.) אזוי? פאַר וואָס זאָגט איהר ניט, וואָס ווייטער שטעהט?: „ולית עשיר מחזירא“ און דער גרעסטער פון אלע גבירים איז א דבר אחר...

צ ל א ל. איך ווייס, איהר זייט ניט קיין גרויסער בעל דקדוק, דיין תורה מיט דיין חכמה איז ביי מיר ווערטה א שפּיי! וואָס?

ביי מיר אין שטוב! מיט מיר אזוי רעדען! דו! (וואַרפט זיך צו ר' זיסעל.)

אסתר׳קע. (צווישען זיי.) ר' צלאל, גאָט איז מיט אייך, וואָס ווילט איהר טהון? בעטראַכט נאָר...

ר׳ זיסעל. ר' צלאל, איך היט אב אייער כבוד... איך וויים, מי דאַרף היטען אייער כבוד...

קרוינע. ניש־קשה, אייער כבוד היט איהר אָב, פאַר וואָס היט איהר ניט איהר געזונד, איצט, ווען זיא פיהלט... אָט הפּנים, מי דאַרף אייך לעגען אַ פינגער אין מויל... זיא איז דאָך— (זאָגט אים אין אויער.)

צלאל. וואָס רעדט איהר? איך פערשטעה ניט, אסתר׳קע, דו? (ענטציקט.) פאַר וואָס האָסטו עס מיר פריהער ניט געזאָגט? דו נארר דו! נאַרעלע!...

אסתר׳קע. איך האָב ניט געוואוסט, ר' צלאל, אז דאָס וועט אייך פרעהען, און... איך האָב מיך געשעמט...

צלאל. אויב דאָס וועט מיך פרעהען? אוי! שרצ׳ל דו! דו פערשטעהסט ניט, וויא שטאָלץ איך בין! וואָס הייסט מיר ניט זאָגען?! וואָס זאָגט איהר פאַרט צו איהר, ר' זיסעל? טע־אי־דע־דעם. (געהט אום, זינגט אַ חסיד׳ל.)

אלקנה. (אריינקומענדיג.) דיא קאַליאַסקע איז ביי דער פאַראַדנע טהיר, דיא באָרד איז צוקעמט... און האַדיע!

צלאל. דער גובערנאַטאָר מעג איצט וואַרטען און... און האַדיע! אלקנה, געה זאָג לואיזע׳ן, זיא זאָל שיקען פאַר מיר און פאַר׳ן שווער אַ גראַפין בראַנפען... גוטע אולאַדאַווקע. (אלקנה אב.) און פאַר דיר, אסתר׳קע, האָב איך אַ פלאַש אונגאַרישען וויין... אנטיק! עס וועט דיך שטאַרקען... ע! באַלד! אב, זינגענדיג.)

קרוינע. אָט, הפּנים ער איז נאָר אַ ביסעל משוגע — אזוי וויא אַלע... נאַרר... זיי זיינען דאָך אַלע משוגענע... (ר' זיסעל שמעקט טאַבאַק צופריעדען און דראָהט קרוינען מיט׳ן פינגער.) אָבער ער האָט דיך ליעב, אסתר׳קע, איך זעה דאָך, ער נעהמט איין פאַר דיר דיא כפּרה!

צלאל. (קומט צוריק מיט אַ פלאַש וויין אין האַנד.) ווייבעלע, דער וויין איז געוועזן 50 יאהר אַלט, ווען איך האָב איהם מיט צעהן

יאהר צוריק געקויפט. (אלקנה ברענגט בראנפען מיט גלעזער.) טרינק, אסתר'קע, טרינק, דאס וועט דיך מאכען פאר א קאזאק. (צווינגט זיא צו טרינקען א גאנצע גלאז.) נו, שווער, קניאקט אריין. אלקנה, נעהם אויך א ביסעל. (אלע טרינקען.) אזא זאך און איך זאל ניט וויסען; אך, דו שוטה, וואס הייסט מיר ניט זאגען? (גיסט איהר אן נאך וויין.) טרינק, אסתר'קע, טרינק נאך א ביסעלע. (צווינגט זיא צו טרינקען.)

אלקנה. פון אזא משקה, האט קיין פאראיבעל ניט, קען מען ניט בעקומען קיין חווראבע.

אסתר'קע. דער וויין איז זיס, אבער זעהר שטארק, פערזוך, מאמע. (גיסט איהר אן.)

קרוינע. (טרינקט.) אוי, דיא ליפען קלעבען זיך וויא פון א פעטע יויך.

צלאל. שווער, האקט וויעדער... אלקנה, שעם זיך ניט... לחיים, שוויעגער. (אלע טרינקען.)

אסתר'קע. אוי! דער וויין איז מיר שוין אריין אין קאפ...

צלאל. ווייבעלע, וואס האסט דו געזאגט פריהער? האסט רחמנות אויף זעליג'ס אלמנה מיט דיא קינדער? אלקנה, וועסט נעהמען אין קאנטאר א הונדערטער פאר מאדאם ראפאפארט... איידער איך וועל פאהרען צום גובערנאטאר, וועט אסתר'קע פאהרען צו זעליג'ס ווייב... חא! חא! ווער פאהרט עס אין אזא קאליאסקע, פיער פערד אין דער לענג, פעאדאר מיט אלקנה'ן אויף דיא קאזלעס?... צלאל ראפאפארט'ס ווייב פיהרט א גאנצע קאטערינקע פאר ארימע יתומים... לחיים! לחיים! (טרינקען.)

אסתר'קע. איך דאנק אייך זעהר, ר' צלאל...

צלאל. נאך אלץ ר' צלאל? אי, שווער, זאגט איהר, זיא זאל מיך אויפהערען „איהר'צען". שוויגער, וויא געפעלט אייך, איך בין נאך אלץ ר' צלאל ביי איהר...

קרוינע. נארר דו, פאר א מאן דארף מען זיך ניט שעמען. (טרינקט.) אוי! א מחיה'טשקע!

צלאל. (שלעפט אסתר'קען צו זיך.) קום אהער, נו, זאג מיר

עפּעס.. שעם זיך ניט, דו שרץ, דאָ זיינען אַלץ אייגענע... זאָג מיר „דו“.

אסתר׳קע. אוי! איך קען ניט, איך שעם זיך.

ר׳ זיסעל. (שיכור׳לער) זי שעמט זיך... חאַ!... חאַ!... נעם נאָך אַ ביסעל. (גיט איהר נאָך וויין.) פאַר פרעמדע מענשען זאָגט מיר קרוינע אויך אַמאָל „ר׳ זיסעל“, אבער פון דעסטוועגען נאָכעדם, ווען...

קרוינע. שאַ! דערצעהל בעסער וואָס דיא חכמים זאָגען. (טרינקט.) זאָג איהם „דו“, נאַרריש קינד, וואָס איז דאָרט אַזוינס... אי! עס איז אַ סך בעסער פון גוטען עפּעל קוואַס... (טרינקט.)

אלקנה. ר׳ צלאל האָט ליעב, מי זאָל טהון וויא ער וויל, ער וויל „דו“, זאָל זיין „דו“, און האָדיע! אין תוך גענומען, וואָס איז דאָרט פאַר אַזאַ זאַקאַוויטשקע?

צלאל. נו? נו?

אסתר׳קע. איך וועל אייך— אוי! איך וועל דיר זאָגען: ר׳ צלאל, זייט ניט שלעכט צו מיר, איך וועל דיר און דיינע קינדער מיין לעבען אָבגעבען... איך האָב צו קיינעם ניט... און פאַר זיך דאַרף איך גאָר ניט, נאָר האָט אַביסעלע רחמנות אויף מיר... מעהר גאָר ניט, נאָר אַביסעלע רחמנות... און אַז איהר וועט זיין גוט צו מיר, וועל איך אפשר שפּעטער מיט דער צייט... שפּעטער— (לאַכט שטיל און גוט.) חי, חי, חי! דער קאָפּ דרעהט זיך, דיא פיס וויא אונטערגעהאַקט... או! אויף מיין וואָרט, איך בין שכור... חי, חי, חי! מאַמע, נעהם נאָך אַביסעלע... חי, חי! (צו צלאל׳ן) דו! איך בין דאָך שוין שכור, חי, חי!

צלאל. (ווינקט.) אי, גנב!... איהר הערט... רבי, אונזער אסתר׳קע איז שוין בגילופין, און מיר וועלען נאָך נעהמען צו קאַפּעלעך... אלקנה, מיט דער זאַקאַוויטשקע!... טע־אי־דע־דעם. (אַלע טרינקען און זינגען אַ חסיד׳ל. שיינע העני און בענטשיק עפנען דיא טהיר און קוקען צו.)

שיינע העני. שמחה וששון... דיין טעלעפּענטשיק, האַ? (בענטשיק זינגט אויך דעם נגון, קרימט נאָך, מאַכט גרימאַסען.)

צלאל. (בעמערקט בענטשיק.) קום אהער, שייגעץ! טרינק! (גיט איהם אַ גלאָז וויין. בענטשיק טרינקט מיט גרויס חשק.) זינג

אויך!... און דו, שיינע הענדי, שפּיעל! איך פּיהל גוט! (שיינע הענדי זעצט זיך און שפּיעלט דעמזעלבען נגון.)

אסתר׳קע. דו, בענטשיק, לאָך ניט פון מיר... איך בין ניט שולדיג... דער וויין איז אזוי שטארק... צוגיסט זיך איבער אלע ביינער... חי, חי, חי!

(אַלע זינגען. שיינע הענדי שפּיעלט לאַכענדיג, בענטשיק זינגט שטופּענ־דיג. קרוינע גיסט זיך אָן און טרינקט כלומר׳שט ניט־ווילענדיג.

(פאָרהאַנג.)

דריטער אקט.

(דאָס זעלבע צימער ביים רב אין הויז, אָהן בלומען און ווייסע פאָרהענג־לעך. ר׳ זיסעל און שמואל יאָסעל זיצען ביי א גמרא. ביידע אָהן קאַפּאָטעס.)

ר׳ זיסעל. נו־נו! רעד שוין... או או... פאר וואָס האָסט דו זיך שוין ווידער פארטשעפּעט דאָרטען?

שמואל יאָסעל. אוי וועה איז מיר! עס טשעפּעט זיך... (לערנט.) „שחיטת עובד כוכבים נבלה ומטמאה במשא“, דיא שחיטה פון א גוי איז נבלה און עס מאכט טמא... פעטער, דער היינטיגער גוי רופט זיך אויך עובד כוכבים?

ר׳ זיסעל. (מיט א ניגון.) א היינטיגער גוי איז פונקט אזוי א גוי וויא א נעכטיגער גוי; און א מאָרגעדיגער גוי, איז פונקט א גוי וויא א נעכטיגער. שוטה, וואָס איז דער חילוק? גוי איז גוי! למשל דו: ביזט געווען נעכטען אזא גוי ווי היינט, און מאָר־גען וועסט דו, אם ירצה השם, זיין אזא גוי וויא נעכטען... נו, נבלה ומטמאה במשא... אי! אי! געוואלד! איך מיין, איידער דו וועסט אויסלערנען שחיטה, וועט שוין ניט זיין וואָס צו קוילען... עס וועט ניט בלייבען קיין בהמות.

שמואל יאָסעל. האָט קיין מורא ניט, פעטער, עס איז נאָך דאָ גענוג בהמות אויף דער וועלט. (לערנט.) וואו האלט איך? נבלה ומטמאה... אי! איך קען איצט ניט לערנען, וויא עס גיט נאָר עפּעס א קלאַפּ, אָדער איך הער א שאָרך, מיין איך דיא מוהמע קרוינע געהט.

ר׳ זיסעל. שוטה! דו מיינסט איך בין רוהיג? איך בריה זיך נאָר כלומרשט, אבער אויפ׳ן הארצען איז במחילה... אזא רציחה! א׳ן אייגען קינד ביי זיך אין שטאָדט זאָל מען ניט קענען זעהן... וואָס הייסט? ער וויל ניט, זיא זאָל קומען אהער? ניין! ער וויל ניט! נו, וועלען מיר געהען אהין! ער וויל ניט!

סטייטש, היכא תמצא? מי זעהט זיך ניט, גלייך מי לעבט מעבר לים...

שמואל יאָסעל. וועה, וואָס אסתר'קע מוז נעבאָך דאָרט אויסשטעהן. ר' אלקנה דערצעהלט, איהר קינד איז שטענדיג קראַנק — און זיא האָט צרות פון אַלע זייטען... אי, פעטער, פעטער! ווען מיר וועלען אַמאָלביידע קומען פאַר'ן מלך מלכי המלכים, וועל איך אייך פרעגען: ווער איז שולדיג וואָס אסתר'קע גיסט אזוי פיעל טהרערען?

ר' זיסעל. וואָס מיינסט דו? ניט אומזיסט זאָגען דיא חכמים: „אשרי מי שבניו זכרים ואוי למי שבניו נקבות. וועה איז צו דעם וואָס זיינע טעכטער זיינען נקבות און וואויל איז צו דעם, וואָס זיינע זיהן זיינען זכרים.. אבער, ניש־קשה, האַר אויס, קרוינע וועט זיך היינט דאָרט מיט איהם אויס'טענה'ן.

שמואל יאָסעל. אי! איהר הערט, (א געררויש.) דיא מוהמע געהט.... איך זאָל אזוי געזונד זיין — דיא מוהמע געהט! (קרוינע קומט.)

קרוינע. (בייז, ווארפט פון זיך דעם שאַל.) אזא מהלך צו אַלע שווארצע יאהר!

ר' זיסעל. קרוינע לעבען, נו?

קרוינע. (קרימט איהם נאך.) ר' זיסעל לעבען, נו?

שמואל יאָסעל. איהר האָט זיא געזעהן, מוהמעניו?

קרוינע. זאָלסט דו אזוי דעם נארר דיינעם האָבען, וויא איך האָב זיא געזעהן.

ר' זיסעל. וואָס! האָסט ניט געזעהן? רבונו דעלמא כולה.

קרוינע. (בייז.) רבינו ומורינו! אָט הפנים אז מי ווייזט ניט, קען מען ניט זעהן; און אז מי לאָזט ניט, קען מען ניט אריין!

ר' זיסעל. וואָס הייסט, מי ווייזט ניט און מי לאָזט ניט? שוטה!

קרוינע. ביזט אַ חכם? געה דו, אדרבא, נו־ם איך זעהן.

שמואל יאָסעל. מוהמע, אבער דאָך, וויא אזוי־עס־איז, מיט גוטען אָדער מיט בייזען.

קרוינע. איך האָב געוואָלט אריין דורכ'ן קאַלינדאָר פון

הינטען — האָט מען מיר געהייסען פארקערעווען דעם דישעל און קלינגען ביי דער פאראדנע טיער.

ר׳ זיסעל. האָסט ניט געקענט קלינגען ביי דער טיר? וויא אזוי זאָגט מען פאראדנע אָדער פאראדנע? שמואל יאָסעל, עס עס איז מיט א דגש אין „פ״?

קרוינע. חכם מיינער! מיט א דגש אין „פ״? איך האָב געקלונגען, א שיקסע אָבער האָט צוגעקלאַפּט דיא טיער פאר מיין נאָז און האָט געזאָגט: ניע, פריקאז נאפושצאט!

ר׳ זיסעל. וואָס הייסט עס?

קרוינע. וואָס דאָס הייסט? עס הייסט ניט קיין פריקאז אַנצולאָזען...

שמואל יאָסעל. זיא האָט מסתמא געזאָגט: ניע פרי־קאזנא פושצאט... עס איז ניט ערלויבט צו לאָזען.

קרוינע. וואָס איז דער חילק? אבי מע לאָזט ניט, מורה הוראה מיינער, אפשר וואָלסט דו זיך מטריח געוועזן... ביזט דאָך פאָרט א מאַנזביל.

ר׳ זיסעל. זעהסט? איצט האָט זיא זיך דערמאָנט, אז איך בין א מאַנזביל...

קרוינע. א טאַטע אויף דער וועלט, אז אָך און וועה איז צו דיא יאָהרען...

ר׳ זיסעל. וואָס קען איך טהון? געהן האָבען א פלפול מיט צלאל׳ם שיקסע?

שמואל יאָסעל. טאָמער אָבער איז אסתרקע, חלילה, קראַנק, אָדער גאָט ווייס וואָס זיא טהוט? פעטער, אָט איז אייער קאַפּאָטע און אייער שטעקען. (ר׳ זיסעל טהוט זיך אָן).

קרוינע. זיא געהט אוים דאָרטען וויא א ליכט... גאָר ניט, אזוי וויא א יתומה...

ר׳ זיסעל. (שמעקט טאַבאַק) הייסט עס, איך זאָל געהן? דיא חכמים זאָגען: „האב קודם לאם בכל מקום״, אויף יעדען אָרט איז דער טאַטע פאר דער מאַמע... גאָטוניו, מאַך חאָטש אזוי, אז איך זאָל ניט בעגעגענען צלאל׳ן... איך האָב פאר איהם קיין מורא ניט, חלילה, אָבער גלאַט... עפּעס ווארפט מיר, רחמנא לצלן, הענד און פיס. (אב.)

קרוינע. א שעהנעם נחת דערלעבט, וועה איז צו מיינע יאָהרען!

שמואל יאָסעל. (בעז) אי, מומע, שווייגט בעסער! (לערנט) שחיטת עובד כוכבים, עובד כוכבים.

קרוינע. וואָס הייסט איך זאָל שווייגען? אַט הפנים איך בין קיין מאַמע ניט?

שמואל יאָסעל. איך האָב באַלד געפיהלט, אז איהר פיהרט אייער קינד צו דער שחיטה, פאר וואָס האָט איהר ניט גע־פיהלט, אז איהר זייט א מאַמע? מאַמע! (לערנט) נבלה ומטמאה...

קרוינע. איך ווייס פאר וואָס דו נעבאך האָסט געפיהלט, אָבער אז זיסעל האָט פון דיר ניט געוואָלט הערען, ער פלעגט דיך אונמיסטען מבייש שטעלען און רופען סטיעפאַן — דו זאָלסט ביי אסתרקה׳ן ניט נושא חן זיין. און דאָ צום אונגליק איז געקומען דער תקיף, וויא זאָגט אלקנה, מיט דער מאַטניא...

שמואל יאָסעל. נו, האַלט זיך מיט דער מאַטניא!... אַי! זאָל זיין געגוג, איך וועל פון אייך משוגע ווערען (לערנט) שחיטת עובד כוכבים... (ר׳ זיסעל קומט אריין.)

קרוינע. ברוך הבא! וואָס איז, האָסט זיך אומגעקעהרט?

ר׳ זיסעל. איך האָב זיך ניט אומגעקערט.

קרוינע. אַט אפנים ביזט שוין געווען דאָרט?

ר׳ זיסעל.. אַט א פנים איך בין שוין ניט געווען דאָרט.

קרוינע. נו, אַט א פנים ביזט דו משוגע געוואָרען!

ר׳ זיסעל. אַט א פנים איך בין ניט משוגע געוואָרען! ניט משוגע געוואָרען (שרייט) איך בין ניט משוגע געוואָרען! (שטיל) צלאָל האָט מיך בעגעגענט פאָהרענדיג... עס הייסט, ער איז גע־פאָהרען... בין איך צו איהם צוגעגאַנגען — ער האָט אָבגעשטעלט דיא פערד און מיר פשוט געהייסען צוגעהן.... ער האָט מיר געהייסען שוין געהן צוריק, ווארום אז ניט, וועט מיך דער דוואָרניק מיט׳ן בעזים....

קרוינע. און דו האָסט גענומען און האָסט זיך אומגעקערט?

ר׳ זיסעל. א ברירה האָב איך געהאַט? דער דוואָרניק איז עשו.... און זיינע ידים זיינען פון עוויג אָן געגען יעקב׳ן. (טהוט זיך אוים.)

ש מ ו א ל י אָ ס ע ל. וואָס זשע וועט זיין, פעטער? אַז אַנ־דערע וואָלט זיך ניט געלאָזט טרעטען מיט די פיס... אסתרקה איז א שטילע... זיא איז וויא א טויב... ווער וועט זיך אָננעהמען פאר איהר?

ק ר ו י נ ע. אַז אַנדער טאַטע וואָלט געקעהרט מעשים... אויך מיר א טאַטע!

ר׳ ז י ס ע ל. אַי! וואָס ווילט איהר פון מיר? שמואל יאָסעל, דערלאַנג מיר דעם רשך!

ש מ ו א ל י אָ ס ע ל. וואָס הייסט, איהר וועט זיך זעצען לער־נען? איהר וועט זיך קוויקען מיט׳ן רשך, און זיא וועט דאָרטען וויינען דערווייל...

ר׳ ז י ס ע ל. וואָס קען א מענש מיט זיין שכל אויפטהון? נו, שמואל יאָסעל וויל ניט איך זאָל לערנען, אפשר איז א סברה מיר זאָלען געהן עסען ווארעמעס?

ק ר ו י נ ע. דו הערסט? דער טרעמבוך ליגט איהם איצט אין זינן....

ר׳ ז י ס ע ל. ער וויל ניט איך זאָל לערנען, זיא וויל ניט איך זאָל עסען; וואָס זאָל איך טהון? עס איז „אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי“!... וועה פון אלע זייטען...

ש מ ו א ל י אָ ס ע ל. פעטער, אפשר זאָל איך מיט אייך געהן? אויב דער דוואָרניק וועט שלאָגען, האָב איך א גוטע תרופה — איך וועל שרייען, ביז גאַנץ מאַהליוו וועט זיך צונויף לויפען.

ר׳ ז י ס ע ל. אַי, שאַ, שוטה, וואָס הייסט בזיונות בפרהסיא? איך מיין, צלאל איז דאָך א תלמיד חכם, און וויא זאָגען די חכמים: „צורבא מרבנן דמו לפרצודא“, א תלמיד חכם איז גלייך צו א פרצודא, וועלכע....

ק ר ו י נ ע. א פרצודא גאָר! נו, געה רעד מיט איהם... אוי! וועה איז מיר...

ש מ ו א ל י אָ ס ע ל. אפילו אין וואלד, ווען גזלנים בעפאַלען א מענשען, קען ער אויך האָפען אימיצער וועט איהם קומען צו הילפע... און זיא וועט מען דער׳הרג׳ענען אין מיטען שטאָדט און זיא קען ניט האָפען אפילו, אז אימיצער וועט איהר צו הילפע קומען... מען קוילעט זיא און מיר שטייען פון דער ווייטען.

קרוינע. וועה איז צו מיר און וועה איז צו מיינע יאָהרען! (וויינט.)

ר' זיסעל. מיין הארץ איז בעגאָסען מיט בלוט, אָבער וואָס קען איך איהר נעבעך העלפען?

שמואל יאָסעל. פעטער, אסתרקה'ס טרעהרען וועלען פאלען אויף אונזערע קעפּ, וויא שווערע שטיינער (ווישט אָב אַ טרעהר) אָי וועה איז מיר... איהר האָט זיא אונגליקליך געמאכט...

ר' זיסעל. אוי! וועה איז מיר... וואָס ווילט איהר פון מיר? וואוהין קען איך געהן? וועמען זאָל איך רופען צו הילפע? איך קען נאָר זאָגען: גאָטעניו, פאטער! „אשא עיני אל ההרים מאין יבוא עזרי“? איך הויב אויף מיינע אויגען צו דיא בערג און פרעג: פון וואנען, גאָטטוניו, וועט קומען מיין הילפע? פון וואנען? (פערדעקט דעם געזיכט, אלע וויינען. דיא טיר עפענט זיך שטיל. אסתרקה ערשיינט מיט א מאַנטילקע איינגעהילט דאָס קינד, אין דער אַנדערער האַנד אַ בינדעל זאכען. קיינער בעמערקט זיא ניט.)

קרוינע. אוי! ביטער איז מיר, זיא זאָל ניט זיין אזא גוטע און אזאַ שטילע, וואָלט זיא איהם ניט געהערט און וואָלט דאָך א מאָל געקומען, מיר קענען ניט מיט געוואלד אריינרייסען זיך אין א פרעמדע שטוב, זיא אָבער צו אונז קען דאָך א מאָל קומען... זיא האָט מורא, וועה איז מיר פאר איהר קאָפּ, זיא קומט ניט...

אסתרקה. איך בין געקומען, מאַמעניו! (אלע ערשטוינט.)

קרוינע. אסתרקע! ביזט געקומען, קינד מיינס? דאָך געקומען צו אונז? האַ? (פאַלט אויף איהר האַלז און וויינט.)

אסתר'קע. יאָ, איך בין געקומען צו'ן אייך, טייערע. איך האָב געמיינט, איהר האָט שוין לאַנג אייער אסתרקה'ן פערגעסען... און איהר רעדט דאָ פון מיר...

קרוינע. פון דיר קינד... פון דיר, אסתרקה. (וויינט.)

ר' זיסעל. (גלעט איהר קאָפּ) טעכטערעל, אונזער ארעמע שעפעלע נעבעך.(קעהרט זיך אָב, ווישט אב א טרעהר מיט'ן ארבעל.)

שמואל יאָסעל. מען זאָל דערמאָנען משיח'ן, וואָלט משיח געקומען... זעץ דיך, אסתר'קע... (זעצט זיך.) וועה, וואָס פון דיר איז געוואָרען... גיב מיר דיין קינד... אסתרקה'ס קינד (ציינגט

עס ר׳ זיסלען) אזוי בלאַס און אזוי גרינג... ער קוקט וויא אַן אַלטער...

ר׳ זיסעל. (נעהמט עס) גיב עס אהער... דו! פּרא אדם, קענסט דען דאָס האַלטען? (צום קינד) נו, זאָג: „דייהדע“, „דיידע“, נעבעך קראַנק; האפּטשאַק, האַפּטשאַק! (העצקעט עס אויפ׳ן האַנד.)

קרוינע. אזוי וויא אין סיביר ביזטו געוועזן פערשיקט, אסתרקה; איך האָב דיך שוין צעהן וואָכען ניט געזעהען... דיא אויגען האָב איך אויסגעקוקט אויף דיר וואַרטענדיג.

ר׳ זיסעל. וואָס האָב איך דיר געזאָגט, שוטה? אז גאָט וויל, שיסט אפילו א בעזים... און א מענש מיט זיין שכל קען גאָר ניט העלפען... זעהסט? זיא איז אליין געקומען!

שמואל יאָסעל. פעטער, זעהט וויא איהר ברעכט דאָס קינד... אַי, גיט עס אהער (נעהמט צו דאָס קינד.)

אסתרקה. יא, טאַטוניו, איך בין געקומען... ר׳ ער איז אוועק פון דער היים, האָב איך גענומען מיין קינד... דאָ איז עטליכע ווינדעלעך... מעהר גאָר ניט.

ר׳ זיסעל. וואָס דען, נאַרעלע, ער וועט דיך חלילה ניט דער׳הרג׳ענען דערפאַר, וואָס דו ביזט צו דיינע עלטערען געגאַנגען אויף א ווילע... גיב אהער דאָס קינד, גזלן! (נעהמט עס) מטש! כל־בו׳ניקלעך!... ער לאַכט נעבעך ניט...

קרוינע. זיא וועט זיך אומקעהרען אהיים אפשר נאָך אייהדער ער וועט קומען...

אסתרקה. איך וועל זיך אומקעהרען? ניין, איך וועל זיך אהין מעהר ניט אומקעהרען.

אלע. (ערשטוינט) ניט אומקעהרען זיך?

אסתרקה. (צייגט אויפ׳ן קינד און בינדעל) איך האָב גענומען וואָס מיר קומט, און בין אוועק.

קרוינע. גאָט איז מיר דיר, וואָס רעדסט דו דאָס?

ר׳ זיסעל. ביזט ניט קיין מיידעל מעהר, אסתרקה, דו האָסט פערגעסען, אז דו האָט חתונה געהאַט!?

אסתרקה. פערגעסען? ניין, פערגעסען אזא אונגליק קען מען ניט... אָבער צוריק וועל איך ניט געהן. איך בין געקומען אהיים, צו אייך! אויב איהר וועט מיך לאָזען, וועל איך בלייבען דאָ — און

אויב איהר וועט מיך ארויסטרייבען, וועל איך מיר נעהמען מיין קינד און וועל געהן, וואוהין מיינע אויגען וועלען מיך טראָגען. (ווישט אַ טרער.)

קרוינע. צווינגען קען מען ניט, חלילה, אָבער דו וועסט אליין מוזען געהן, אסתרקה.

שמואל יאָסעל. יא, איהר האָט זיא ניט געצוואונגען חתונה האָבען אויך, און דאָך האָט זיא געמוזט חתונה האָבען! איהר האָט געקוקט אין תכלית אריין.

קרוינע. נארעלע, וויינען דארפסטו דאָך ניט, מיר וועלען זיך מישב זיין...

אסתרקה. מישב זיין? ניין, עס איז שוין געענדיגט! איך וויים ניט, אַן אנדערע אויף מיין אָרט, וואָלט אפשר נאָך מעהר גע־ליטען; איך קען ניט מעהר!

שמואל יאָסעל. אסתרקה וועט בלייבען דאָ... און איך וועל ניאַנטשען איהר קינד. (וויעגט עס אויפ'ן האַנד) אונטער גרשון'יום וויגעלע שטעהט א ריאבע ציגעלע...

ר' זיסעל. שוטה, וואָס הייסט, זיא וועט בלייבען דאָ? זיא איז איצט ניט אונזערע, זיא איז זיינע...

שמואל יאָסעל. זיינע? וואָס הייסט זיינע? ער האָט זיא געקויפט? ביי אידען איז דאָ א גט.

קרוינע. ער איז ניט גערעכט? אַנדערע וואָלטען פון דיא ציין ביי איהם א גט ארויסגעריסען און וואָלטען נאָך פון איהם גע־שונדען א פּאָס.

ר' זיסעל. רעדסט וויא א אידענע, צלאָל וועט אונז אונ־גליקליך מאַכען, ער וועט זיך אָן איהר נוקם ונוטר זיין, און קיין גט וועט ער איהר ניט געבען, וואָס הייסט חלילה גט'ן זיך? אז מאַן און ווייב גט'ן זיך, וויינט דער מזבח, רחמנא לצלן... וואָס גאָט ב"ה האָט צונויף געבונדען, קען קיין מענש ניט צורייסען.

קרוינע. יא, אסתרקה, ער איז דאָך דיין מאַן, און יעדע אידישע טאָכטער איז מחויב צו זיין צופריעדען מיט איהר דאָליע... וואָס זאָל מען טהון? איינינע ווייבער וויינען וויינינגער, איינינע וויינען מעהר, אָבער וויינען, אסתרקה, וויינען אלע.

אסתרקה. יא, כל זמן איך האָב געהאַט טרעהרען, האָב

איך געוויינט אין דער שטיל. איך האָב מעהר קיין כח דאָס ניט אויסצוהאַלטען, איך פיהל, אז איך וועל נאָך בלייבען דאָרט, וועט זיך מיין קראַנקעס הארץ צורייסען און איך וועל שטאַרבען... ווילט איהר דען, איך זאָל שטאַרבען? מאַמעניו, איך האָב נאָך ניט געלעבט. (טרעהרען שטיקען זיא.)

קרוינע. וואָס רעדסט דו דאָס, קינד מיינס? שטאַרבען גאָר? וועה איז צו מיר, וויא קומען צו א יונג קינד אזעלכע פינס־טערע געדאַנקען?

ר׳ זיסעל. געגוג, געגוג, בערוהיג דיך, אסתרקה, און עס דיר ניט אָב דאָס הארץ, מיר זיינען טאַקי אָרימע לייט און ער איז א גרויסער תקיף, אָבער מקריב זיין מיין קינד, בין איך ניט מחויב. וואָס גאָט וועט געבען, דאָס וועט זיין. קרוינע, גרייט צום טיש און מיר וועלען עסען וואַרעמעס... אסתרקה׳ן חלש׳ט מסתמא אויך דאָס הערצעלע. ידידי שמואל יאָסעל, גיב אקאָרשט מיר דעם קליי־נעם גזלן. (נעהמט דאָס קינד) אי! אויסגעדאַרט און אויסגע־קוואַרט... טיודעל דרודעל בים! טיודעל טרודעל בים! (שפּיעלט זיך מיט דעם קינד) .

קרוינע. (גרייט צום טיש) אסתרקה האָט שוין לאַנג נימ געגעסען מיט אונז. איך זאָל זיך אָבער ריכטען, וואָלט איך געמאַכט א קאַשע פון פּעריל גרויפּען מיט געגזענע שמאַלץ, וויא דו האָסט ליעב.

אסתרקה. (קוקט זיך ארום) אַך, מאַמעניו, אין דער היים איז אַזוי גוט... און אז מען איז אליין אין דער פרעמד, איז אזוי שווער (פרייליך) אלעס געבליבען וויא עס איז געוועזן פריער.

שמואל יאָסעל. עס הויבט זיך ניט אָן; פריער זיינען דאָ געשטאַנען בלומען פון פּאַפּיערען און צאַצקעס... דער פריפּי־טשעק איז געוועזן אונטערגישמירט מיט רויטע ליים, ביים אויוועז א ווייסע פּאַרטוכעל... יעדעס ווינקעלע האָט געלעבט.

אסתרקה. (שמייכעלט) און איצט? וואָס איז דער חילוק? דו זיצסט נאָך מסתמא און לערנסט, (מיט׳ן ניגון) הכל שוחטין ושחיטתן כשרה... חוץ מחרש שוטה וקטן, (אלע לאַכען).

ר׳ זיסעל. אסתרקה, ער לערנט נאָך, אָבער ער האָט שוין הסכמה אויף שחיטה, לאָך ניט, ער איז שוין שוחט ובודק... און

איהם מאַכט זיך אַ שטעלע אין באָבער, האָסט געהערט אַ שטעדטעל באָבער? טיודעל דרודעל בים!

אסתרקה. זאָל דיר גאָט געבען גליק, שמואל יאָסעל. (פער־טראכט זיך)) ע! מאַמעניו, גיב, איך וועל דיר העלפען גרייטען צום טיש (העלפט) יאַ, עס איז אַ פערגנינגען צו זיין אין דער היים... זעה, דו האָסט נאָך אלץ דעם געשטופּעלטען טעלער?... אה, דיא שיסעל איז אַ נייע... אי! אי! דער פּאַלומעסיק צושפּאָלטען....

קרוינע. דאָס איז שמואל יאָסעל'ס ארבייט.

אסתר'קע. טאַטעניו, דיין גאָפּעל מיט דיא פיער ציין האַלט זיך נאָך... הא? (אַ געוויש — זיא ערשרעקט זיך) אָ, וועה איז מיר! מיר דאכט זיך, ער געהט אַהער. איך האָב מורא פאר איהם! איך האָב פאר איהם מורא! וואו איז דאָס קינד? (לויפט אום וויא פערווירט, וויל ארויסרייסען דאָס קינד ביים פאָטער. ער לאָזט ניט.)

קרוינע. גאָט איז מיט דיר, אזוי מורא האָבען פאר אַ מענשען?!

שמואל יאָסעל. אסתרקה, דו ביזט ניט אליין... אָי! ווען ער זאָל זיין אַן אָקס! (כאַפּט דאָס קעסטעל חלפים.)

(אלקנה קומט אַריין.)

ר' זיסעל. אָי! דאַנקען גאָט, עס איז ר' אלקנה. (גיט אסתרקה'ן דאָס קינד.) נעהם איהם צו, דעם גזלן... נאַ! שוין בענייט דעם זיידען.

אלקנה. יאַ, דאָס בין איך, האָט קיין פאַראיבעל ניט, גאָט העלף! (שטעלט אַוועק זיין שטעקען). אי! אַ חוואַראַבע אויף מיר, אסתרקה איז גאָר דאָ? צו גאַסט געקומען? הא?

אסתרקה. ר' אלקנה, מאַכט אייך ניט תמעוואטע, איך וויס, ער האָט אייך געשיקט אהער.

אלקנה. אין תוך גענומען, האָט ער מיר געהייסען מאַכען זיך ניט וויסענדיג... נאָר אז איהר האָט זיך אָנגעשטויסען, נו, נעמט פּיסקליאַט און נאָמיר פאָהרען אַהיים און האָדיע... ער האָט מיר גע־הייסען נעמען אַן איזוואָשציק.

אסתרקה. ר' אלקנה, אייער טרחה איז אומזיסט, איך וועל ניט פאָהרען צוריק.

אלקנה. אסתרקה, בעסער דראשטשעט זיך ניט... איהר זאָלט איהם זעהען איצט, וויא אין איהם זיעדט און קאָכט, האָט מיר קיין פּאַראיבעל ניט, דאָס בלוט....

קרוינע. אָט אַפּנים עס מאַכט זיך ניט אַן אונגליק? ניט געטראָפּען, דאַרף מען זיך גט׳ן!

אלקנה. גט׳ן? אַי! עס האָט מיר אזש א ביס געטהאָן אין דער פּאָטילניצע. (קראַצט זיך.)

שמואל יאָסעל. דערפאר רופט זיך א גט „ספר כריתות", א בריעף פון אָבשניידונג... מען שניידט אָב דיא צרה פון זיך מיט בלוט און פלייש... ר׳ צלאל איז טאַקע א גרויסע צרה, אָבער מען קען אזא מכה אויך אָבשניידען.

ר׳ זיסעל. שאַ, וואָס דאַרפסט דו רעדען? ווער פרעגט דיך? דאָס איז יאָ וויא דיא חכמים זאָגען: „שבע דברים בגולם", א גולם האָט זיעבען זאכען...

אלקנה. הייסט עס, איהר מיינט א גט? אין תוך גענומען, ווען מען זאָל איהם צושפּאַרען צום וואַנד, קען מען איהם אויס־קוועטשען דיא קישקעס... מען זאָל אויף איהם דערלאַנגען א יאבעדע, קען מען איהם פּערטורען קיין סיביר און ארויסגראַבלען ביי איהם א גאַנצען לאַנטוך מיט געלד.

אסתרקה. איך וויל איהם חלילה ניט טהאָן קיין שלעכטס, און איך דאַרף ניט זיין געלד. איך וויל נאָר, ער זאָל מיך לאָזען לע־בען אויף דער וועלט.

אלקנה. דאָך, אסתרקה, רעדט זיך ניט איין קיין פויגעלאָך אין פּאַזוכע... בעסער בעט איהם איבער און האָדיע...

שמואל יאָסעל. וואָס זייט איהר פאַר א מענש, ר׳ אלקנה? איהר רעדט, גלייך איהר שפּיעלט זיך אין קאמער קאמער הויז... אויף איין פּוס שפּרינגט איהר אין איין ווינקעל, מיט דעם אַנדערען פּוס אין אַנדערען ווינקעל... דאָס האָט אייך ר׳ צלאל גע־מאַכט פאַר אזא נפש?

(ר׳ צלאל ערשיינט פּלוצים, אַלע בלייבען ערשראָקען, אלקנה זוכט דעם שטעקען, בעמערקט ניט צלאל׳ן.)

אלקנה. וואָס מיינט איהר? א חווראבע זאָל קומען אויף

צלאל פלאקער! ער קען מאכען ניוועטש פון יעדען מענשען. (בער־מערקט איהם) אֵי!!

אסתרקה. מאמעניו, נעהם צו דאָס קינד, איך בעט דיך. (גיט עס איהר.)

צלאל. וואָס האָסטו זיך צו'טענה'ט, דו אלטער פערד?! (שלאָגט איהם אראָפּ דעם הוט פון קאָפּ.) זיא פאָהרט אהיים?

אלקנה. ניין, (בויגט זיך און הויבט אויף דעם הוט) האָט קיין פאראיבעל ניט, זיא פאָהרט ניט.

ר' זיסעל. ר' צלאל, דיא חכמים זאָגען: „כל מי שיש בו גסות רוח", ווער עס האָט גרויסקייט...

צלאל. מען פרעגט אייך ניט, און מען רעדט ניט צו אייך! (צו אסתרקה'ן) פאר וואָס פאָהרסט דו ניט אהיים, דו?... איך פרעג דיך, פאר וואָס פאָהרסטו ניט אהיים?!

אסתרקה. (ערשראָקען) ר' צלאל, איך בעט אייך, קריעגט זיך ניט מיר מיר... איך האָב זעהר פיינט צו קריעגען זיך.

צלאל. גולם! ווער דארף עס וויסען וואָס דו האָסט ליעב און וואָס דו האָסט פיינט? איך פרעג דיך? פאר וואָס פאָהרסט דו ניט אהיים?

אסתרקה. (שטיל) איך בין אין דער היים, ר' צלאל.

צלאל. אפילו דאָס ווייסט דו נאָך ניט, אז מען האָט חתונה, איז דיא היים דאָרט, ביים מאַן!

אסתרקה. יא, אפילו דאָס וויים איך ניט, איך בין ניט שולדיג, וואָס מעהר איך בין געוועזען ביי אייך, אלץ מעהר האָב איך געפיהלט, אז מיין היים איז ניט דאָרט — מיין היים איז דאָ! יא, דאָ ביי זיי, ביי ר' זיסעלען און ביי דער קרוינע, וועלבע איהר מאַכט צו גאָר נישט, ביי זיי פיהל איך זיך אין דער היים!

צלאל. (קוקט מיט פעראכטונג) א שעהנע היים, ניטאָ וואָס צו רעדען! א חאלובע!

אסתרקה. (בעגייסטערט) יא, א שעהנע, א ליעבע, א טהייערע היים! וואָס דארף איך דיא בארחאַנטע קרעסלעם מיט דיא גרויסע שפּיגלען, אז דאָס גיט מיר ניט קיין פרייד און עס מאַכט מיך ניט אויף איין אויגענבליק גליקלאַך?... איהר זעהט דעם אָרי־מען חדר? דאָ איז יעדע זאַך מיר ליעב, טהייער, נאָהענט; דאָ

איז אלץ אייגענס, אלץ פריינדליך; און דאָרט, אין אייערע גרויסע האָרניצעס, איז קאַלט און פינסטער, יעדע זאַך איז מיר פרעמד! ר׳ צלאל, מיר איז אייער שטוב גלייך וויא אַן אסטראָג און איך בין דאָרט ניט מעהר, וויא אַן אַרעסטאַנט!

צ ל א ל. הם! אַ גאַנצער בעל דבר געוואָרען. ווער האָט עס דיך אויסגעלערנט טענה׳ן?

א ס ת ר ק ה. צרות האָבען מיך אויסגעלערנט. דער בעסטער לעהרער אין דער וועלט זיינען צרות.

ק ר ו י נ ע. איך וויים, ר׳ צלאל, דאַכט זיך, איהר זייט דאַמאָלט געוועזען מלא שמחה.

ר׳ ז י ס ע ל. ש... שאַ! מיש דיך ניט, גזלן׳טע!

א ס ת ר ק ה. מאַמעניו, עס איז געוועזען אַ שמחה נאָר פאַר ר׳ צלאל׳ן און צוליעב ר׳ צלאל׳ן... פאַר מיר און פאַר׳ן קינד נעבעך איז ניט געוועזען קיין שמחות. מיר בלאָנזשען דאָרט ביידע אום אין שטוב, וויא אונגליקליכע שעפעלעך, מיר זיינען דאָרט אָבגעקומען, מיר וועלען ניט דאַרפען ליידען קיין חבוט הקבר.

צ ל א ל. וואָס האָט אייך געפעהלט דאָרט, אַ קרענק?

ש מ ו א ל י אָ ס ע ל. ר׳ צלאל, וויא אזוי קען מען האָבען דאָס האַרץ אסתרקה׳ן צו שילטען? אוי וועה איז מיר!

ר׳ ז י ס ע ל. שאַ! שאַ! דו!

א ל ק נ ה. (דראָהט איהם מיט׳ן פינגער) דישע און שווייג און האָדיע!

א ס ת ר ק ה. איהר פרעגט וואָס מיר האָט געפעהלט? אָי, ר׳ צלאל, איהר זעהט ניט וויפיעל בלוטיגע טרעהרען איך פערגים, ווען איך געה אום גאַנצע נעכט מיט מיין קראַנק קינד אויף דיא הענד... און איך האָב ניט אַ מענש, מיט וועמען אויסרעדען אַ וואָרט... איהר ווייסט ניט וויפיעל בלוט-עס ווערט ביי מיר יעדען טאָג פערצאַפּט און איך געפין ניט אפילו איין לעבעדיגע נשמה, פאַר וועמען אויסצואוויינען מיין ביטער האַרץ... יאָ, יא! איהר מעגט מיך שטעכען מיט אייערע בייזע אויגען, איך האָב טאַקע מורא פאַר אייך, און איך זאָג אייך דאָך: יעדע זאַך האָט אַ מאָס... ביז איך האָב געקענט, האָב איך געליטען... אַיצט קען איך ניט מעהר... און וויל ניט מעהר!

צלאל. אזוי? (זעצט זיך) וואָס־זשע ווילסט דו, חכמה מיינע? נאָ׳ם איך הערען.

אסתרקה. איך וויל קיין זאַך ניט, איך וויל איהר זאָלט מיך לאָזען דאָ אין דער היים, נאָר אויב איהר ווילט אפשר חתונה האָבען, געזונטערהייט, גיט מיר א גט!

צלאל. אזוי? א גט ווילסטו? (נעהמט ארויס א סיגאר). אלקנה, דערלאַנג מיר א סירניקעל!... א גט, הא? (פעררויכערט) דו האָסט א טעות, איך האָב פּיינט צו בלייבען א גרוש, איך האָב ליעב צו בלייבען אן אלמן.

קרוינע. איהר זייט שוין צוויי מאָל געבליבען אן אלמן, לאָזט מיין טאָכטער האָטש איין מאָל בלייבען אן אלמנה.

שמואל יאָסעל. יא, יא! דאָס מאָל וועט איהר ניט דער־לעבען צו בלייבען אן אלמן.

ר׳ צלאל. ווער איז דער יונגאַטש? ווארפט איהם ארויס פון דאַנען!

שמואל יאָסעל. (אויסער זיך) עס וועט אייך פריהער ווארפען א דריי יעהריג קדחת!

ר׳ זיסעל. ארויס פון דאַנען, שייגעץ! (שלעפּט איהם) עזות מחוצף פנים!

אלקנה. (העלפט איהם ארויסשטופּען) ר׳ צלאל׳ן קדחת? אזא קאזיאַוועקע, האַליאַסטרא! (ווארפען ארויס שמואל יאָסלען.)

צלאל. א גט וויל זיא! נאכדעם וועט יעדער שלעפּער טייט־לען אויף איהר מיט דיא פינגער: דאָס איז צלאל ראַפּאַפּאָרט׳ס גרושה! דיא פרוי, וועלכע איז געוועזען מיין ווייב, וועלכע האָט גע־הערט מיר, וועט נאכדעם חתונה האָבען פאר א שמאַראָוואָז און זיא וועט זיין זיינע! דו פערשטעהסט וואָס דו רעדסט? איך פרעג אייך דאָ, מיט וועמען ווילט איהר אייך אָנהויבען?... ר׳ זיסקע חכם, איך וועל דיך אויסראָטען ניט נאָר פון מאַהלעוו, איך וועל אייך אלע אויסראָטען פון דער גאַנצער וועלט! (טופּעט מיט׳ן פוס.) איך וועל פון אייך א תל מאכען!!

ר׳ זיסעל (ערשראָקען) ר׳ צלאל, גאָט איז מיט אייך, איך? איך בעט דיך, אסתרקה, איך בעט דיך, מאכט שלום....

אסתרקה. וואָס ווילט איהר נעבעך פון׳ם טאַטען האָבען?

איהר ווילט ניט, איך זאָל בלייבען דאָ, וועל איך נעהמען מיין קינד און וועל געהן אין דיא הייזער... אייך שטעהט ניט אָן מען זאָל אויף מיר טייטלען מיט דיא פינגער, נו, וועל איך מיט מיין אָרים קינד וואלגערן זיך אין הקדש... יא, יא, איך שעהם זיך ניט, מיר איז בעסער אין הקדש, וויא ביי ר׳ צלאל ראפאפאָרט אין זאאל!

צ ל א ל. (פריינדליכער) וואָס־זשע, ווילסט פערלאָזען א שטוב מיט רייכקייט, מיט אַלעם גוטען און געהן אין הקדש? וואָס איז דער שכל?

א ס ת ר ק ה. רייכקייט? ר׳ צלאל, איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך פערשטעה ניט — נאָך וואָס דארף איך עס?... זעהר אָפט קומט מיר דער געדאנק, דיא אַלע טהייערע זאכען זיינען געקויפט געוואָרען פאר דיא טרעהרען פון אונגליקליכע אידען און פאר דעם בלוט פון אָרימע באַטראקעס; זיי טרינקען זיך פר אייך דאָרט אויף דיא פאָראָנגעס, און איהר דאָ האלט אין איין חתונה האָבען.

ר׳ ז י ס ע ל. אסתרקה, דו זאָלסט אזוי רעדען! וועה איז מיר ניט געשעהן.

ק ר ו י נ ע. אָט א פּנים זיא רעדט? איהרע צרות ריידען.

צ ל א ל. אלקנה, ביי מיין וואָרט, זיא איז גאָר ניט אזא גראָבער נאר, וויא איך האָב געמיינט. אסתר, ווען דו רעדסט מיט כעס און דיינע אויגען ברענען ביי דיר, ביזט דו א גאַנץ נשקשה׳דיגע וייבעל, אויף מיין וואָרט! פאָלג מיך, קום אהיים — נאר, איך וועל דיך אין דער היים איבערבעטען.... קום אהיים, קום, ע! זיא וועט פאָהרען מיט מיר... אלקנה, געה נעהם אָן איזוואָשציק!

א ל ק נ ה. אָן איזוואָשציק? זאָל גאָט געבען מיט מזל, און האָדיע! (אב.)

צ ל א ל. רביצין, זאָגט אייער טאָכטער, זיא זאָל זיין א גוטינקע ווייבעלע און זאָל פאָלגען, וואָס עלטערע הייסען...

ק ר ו י נ ע. זאָל איך אזוי וויסען פון שלעכטס, אויב איך פערשטעה עפּעס... אסתרקה, אפשר ווייזט זיך דיר אוים ערגער וויא עס איז אין דער אמת׳ן? מאך שלום, מיין קינד, און זאָל זיין שטיל. פון מחלוקות קומט קיינעם ניט צו קיין געזונד... גענוג קריעגען זיך!

א ס ת ר ק ה. איך האָב זיך מיט קיינעם ניט געקריעגט און דאָרף מיט קיינעם ניט מאכען שלום; שלום? וועה איז מיר, וואָס

רעדט איהר דאָס? איהר פערשטעהט וואָס איהר פאַרדערט פון מיר? ניין! אפנים איך זאָל דאָ פאלען און אויסגעהן פאר אייערע אויגען, וועט איהר אויך ניט פערשטעהן און ניט פיהלען.

ר׳ זיסעל. אסתרקה, וואָס העלפען אונזערע טענות? גאָט גאָט ב״ה ווייס בעסער וואָס ער טהוט, קעהר זיך אום צוריק, מיין קינד....

קרוינע. ר׳ צלאל וועט געוויס איצט זעהן, דו זאָלסט חלילה ניט האָבען קיינע אומזיסטיגע יסורים... געה אהיים, אסתרקה...

אסתרקה. געהן אהיים? וועה איז מיר! איהר זייט דאָך, דאַכט זיך, גוטע מענשען, פאר וואָס פערשטעהט איהר ניט? פאר וואָס פיהלט איהר ניט?... ניין! איך וועל ניט געהן!!

צלאל. ע! דו רעדסט וויא א נאַר; דאָס קינד, אויב איך וויל, נעהם איך שוין צו ביי דיר! און דיך אליין קען איך ברענגען פאַ־עטאַפּו דורך דער פאָליציע... וואו דו זאָלסט ניט זיין! אזוי איז דער רוסישער זאקאָן, פערשטעהסט?!

ר׳ זיסעל. דו הערסט? וואָס קענען מיר קליינע מענשע־לעך אויספיהרען? זיי ניט קיין עקשן.

צלאל. נשקשה, זיא וועט מיט מיר פאָהרען אהיים.

אסתרקה. ר׳ צלאל, איהר זייט א קלוגער מענש, און איהר פערשטעהט ניט וואָס איך פיהל איצט? מיר דאכט זיך, איהר דארפט אליין ניט ווען, איך זאָל פאָהרען צו אייך; איהר ווילט דען, איך זאָל אייך נארען? איך שווער אייך, מיר איז גרינגער געהן אין פינסטערען גרוב, איידער איבערטרעטען אייער שוועל. גלויבט איהר מיר ניט?

צלאל. עס איז נאָר ביז אין איבערבעטען זיך.

קרוינע. גיב זיך אזוי ניט נאָך... טהו זיך אָן א כח... שטארק דיך איבער....

ר׳ זיסעל. פערלאָז דיך אויף גאָט, ער איז אַן אל רחום וחנון.

אסתרקה. איך קען ניט... וואָס זאָל איך טהון, אז איך קען פאָרט ניט?

צלאל. זיא איז א קראנקע ביי אייך... ווען זיא זאָל זיין א

געזונדע, וואָלט זיא אזוי ניט געפיהלט. (אלקנה קומט) אה! אָט איז דער איזוואָשציק...

אלקנה. ר׳ צלאל, דער איזוואָשציק, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, איז דאָ.

צלאל. מאַדאַם ראַפּאַפּאָרט, מאַכט אייך פערטיג צום וועג.

קרוינע. נעהם, אסתרקה, דאָס קינד, און פאָהר אין א גוטע, מזל׳דיגע שעה.

ר׳ זיסעל. דו האָסט דאָ ניט קיין שונאים חלילה. וויא זאָגען דיא חכמים: דריי גוטע פריינד האָט א מענש, השי״ת, טאַטע און מאַמע.

אלקנה. אין תוך גענומען, א קאָטשערע מיט א ראַהאַטש זיינען דאָך אודאי ניט גלייך, פון דעסטוועגען שטעהען זיי צוזאַמען זייער גאַנצען לעבען ביים זאַפּיטשאָק אין ווינקעלע... ע! פאָהרט אהיים און האָדיע!

אסתרקה. גאָט איז מיין עדות, ווען מען זאָל איצט רייסען מיינע אָדערען, וואָלט קיין בלוט ניט געגאַנגען, און ווען מען זאָל שניידען מיין פלייש, וואָלט איך קיין וועהטאָג ניט געפיהלט... א שטיין, א שווערער שטיין ליגט מיר אויפ׳ן הארצען... און אין דיא אויגען איז פינסטער....

קרוינע. נו, אסתרקה, אויסגע׳טענה׳ט זיך און גענוג! (ווארפט ארויף אויף איהר דיא מאַנטילקע און פערבינדט איהר דעם קאָפּ.)

אסתרקה. (ראנגעלט זיך) מאַמע, וואָס טהוסט דו מיט מיר? האָט אויף מיר רחמנות! האָט רחמנות אויף מיינע יונגע יאָהרען...

קרוינע. נאַרעלע, א מענש קען ביי זיך אלעס פועל׳ן.

אסתרקה. איך קען ניט! גאָט אין הימעל איז מיין עדות...

(שמואל יאָסעל גנב׳עט זיך שטיל אריין.)

ר׳ זיסעל. אסתרקה, א „יום האיום ונורא“ איז היינט ביי מיר אין שטוב... און... זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען, אזוי וויא א איד פאַלט כורעים, פאַל איך צו דיינע פיס. (פאלט אויף דער ערד) איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף זיך, האָב רחמנות אויף אונז, האָב רחמנות אויף דיין קינד (וויינט) רבונו דעלמה כולה, איך קען דאָס ניט אויסהאַלטען. (קרוינע וויינט.)

אסתרקה. טאטוניו, וואָס טהוסט דו? גאָט איז מיט דיר. (הויבט איהם אויף) שמואל יאָסעל, איך וויים ניט... וואָס קען איך טהון?... ניין, איך האָב ניט ביי וועמען צו פרעגען...

שמואל יאָסעל. וואָס קען איך דיר העלפען? איך, אָרי־מער, אונגליקליכער שמואל יאָסעל?...

צלאל. (בייז) דו פאָהרסט היינט צו ניין? (אפּארט) טענה'סט! האר אוים! איך וועל זיך מיט דיר אוים'טענה'ן! (לויט) פאָהרסט? פרעג איך!

ר' זיסעל. יא, יא! ר' צלאל, בייזערט זיך ניט, זיא פאָהרט, זיא איז א גוט קינד, זיא פאָלגט...

צלאל. נו, דו געהסט?!

אסתרקה. (שטעהט אויף, נעהמט דאָס קינד מיט'ן בינדעל, קוקט זיך אום) איך?... יא, ר' צלאל, איך געה... מען זאָגט, לע־בעדיגערהייט לעגט מען ניט אין קבר... עס איז ניט אמת! לעבע־דיגערהייט בעגראָבט מען! לעבעדיגערהייט! (וויינט) לעבעדיגער־הייט!

קרוינע. (פיהרט זיא) קום, מיין קינד. (וויינט) וואָס־זשע וויינסטו אזוי, אסתרקה?

אסתרקה. ווען מען האָט מיך צום ערשטען מאָל אהין גע־פיהרט, האָב איך אויך געוויינט... איך האָב דאמאָלס ניט געוואוסט פאר וואָס איך וויין... מיין הארץ האָט נור געפיהלט... איצט, צום אונגליק, וויים איך שוין צו גוט, פאר וואָס איך וויין... און ווער עס פערשטעהט, מיט וואָס פאר א געפיהלע איך געה איצט אהין, און וויינט ניט מיט מיר, דער האָט ביי זיך א שטיין אָנשטאָט א הארץ!... נו, קום, קינד מיינס, מיר דארפען געהן... (פאָלט צו צום קינד) דו קוקסט אויף מיר מיט רחמנות... פיהלט דיין הערצעלע דער מאָמעס גרויסען וועהטאָג? (וויינט.)

צלאל. מאך עס בקיצור, איך וועל וואַרטען ביי דער דראָשקע. (געהט) האר אוים! ביי מיר וועסט דו מעהר ניט טענה'ן. (אב.)

אסתרקה. ארעם קינד, ניט מיט פרייד האָב איך דיך גע־טראָגען... און ניט אין א גליקליכער שעה האָב איך דיך געבוירען... מיר זיינען ביידע אונגליקליכע...

קרוינע. וואָס רעדסטו דאָס? וועה איז מיר! וועה איז מיר! (וויינט.)

אסתרקה. קום, קינד, מיר האָבען אין דער גאנצער גרויסער וועלט קיין ווינקעלע, וואו צו זיין, אויסער יענעם גרויסען אסטראָג. מיר וועלען לעבען דאָרט פון טאָג צו טאָג, אָהן א שטיקעלע פרייד, אָהן א ברעקעלע האָפנונג.... קום! ווער זאָל דען האָבען דיין אָרימע מאַמע אויסער דיך? דו אַליין וועסט הערען מיינע זיפצען און זעהען מיינע ביטערע טרעהרען... וועה!... וואָס וואָלט געוועזען פון מיר, ווען איך זאָל דיך ניט האָבען, מיין איינציגער פריינד אויף דער וועלט? (וויינט.)

צלאל. (עפענט דיא טיר.) דו געהסט? צו איך דאַרף נאָך דריי שעה וואַרטען אויף דיר?

אסתרקה. יאַ, איך געה, וואָס דען... (שרייט פערצווייפעלט) אָי! מאַמע, בעסער וואָלט איך ניט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט! פאַלט צו דער פּריטעלקע פון טיר און וויינט היסטעריש. אַלע, אויסער צלאל׳ן, וויינען.)

(פאָרהאַנג.)

פיערטער אקט.

(אַ גרויסעס צימער איבערגעטהיילט מיט פּאַרטיערען, הינטער וועלכע עס זעהען זיך 2 אייזערנע בעטען. אין פאָדערטהייל פון צימער אייניגע טישלעך, זעסעל א סאָפקע. אויף איין טישעל רעכטס אָנגעשטעלט פלעש־לאך מיט מעדיצין, א ספּירט טהעע מאַשינקע, קאפע מיהל. אויף אַן אַנ־דערען טישעל א שעהנע לאָמפּ מיט אַ שירם, פון וועלכען אלעס אין צימער איז בלאָה. קרוינע שלאָפט אויפ'ן סאָפקע. ר' זיסעל זיצט אין אַ ווינקעלע, שאָקעלט זיך און זאָגט תהילים א לאַנגע צייט.)

ר' זיסעל. קול ד' עה המים, קול ד' בכח, קול ד' בהדר, קול ד' שובר ארזים, קול ד' חוצב להבת אש... קול ד' יחיל... קול ד' יחולל.

קרוינע. (כאפּט זיך אויף) וואָס טהוסטו, ר' זיסעל? פו, גע־כאפּט א דרעמעל. (זעצט זיך.)

ר' זיסעל. איך האָב ניט קיין ערדעלערע מלאכה, זאָג איך חאָטש תהילים מיט מעמדות. וויא זאָגען דיא חכמים:

קרוינע. שא! דיא חכמים האָבען שוין גענוג געזאָגט; וואָס טהוט זיא? זיא שלאָפט? זעה אקאָרשט.

ר' זיסעל. (געהט אויף דיא שפּיץ פינגער צו דיא פּארטיערען, קוקט אריין) שלאָפט נעבעך... ש... ש... זיא אטהעמט אזוי שווער. אַי, רבונו דעלמה כולה. (געהט צוריק פערטשעפּעט זיך אָן א קרעסלע.)

קרוינע. בער! קערסט זיך! אויפגעוועקט? זעץ דיך, און קלאַפּ ניט מיט דיינע לאַפּטיעס.

שיינעהעני (עפענט שטיל דיר טיר) ש... ש... זי שלאָפט? עס איז פונקט ניין, זיא דארף נעהמען איצט א לעפעל פון דער מיקסטורע. (אַ זייגער שלאָגט ניין אין נעכסטען צימער.)

לואיזע (עפענט שטיל דיר טיר) פרוי רבי, עס איזט נייען אוהר, דיא פּאציענטין דארף מעדיצין נעהמען, האבען זיי ניכט פער־געסען? וואס? זיא שלאָפט? גאָט זיי דאנק... רבי, וויר ווערדען דער

קראַנקען איינע שטאַרקע טאַססע קאַפפעע מאַכען. (צינדעט אָן דיא שפּירוט מאַשינקע.)

שיינע הענני. היער איזט דיא קאַפּע קאַננע... אַך, ווען זיא זאָל נאָר טרינקען. (ביידע פרויען בעשעפטיגען זיך.)

בענטשיק. (עפענט שטיל די טיר) טס! עס איז נייען, דיא מומע אסתר דארף נעהמען דיא רפואה... רבי, עפּעס א יונגער מאַן, זעהט אויס א כלי קודש... ער האָט א פּנים, גלייך אימיצער האָט איהם ערשט געגעבען איבער דער פּאַטילניצע... ער וויל אייך זעהן.

קרוינע. גען, גען, אפשר איז דאָס א גוט אָדער א דין תורה.

ר' זיסעל. א כלי קודש מיט א פּאַטילניצע (שמעקט טאַ־באַק) היכא תימצא? (אב.)

בענטשיק. וואָס מאַכט די מומע אסתר?... זיא שלאָפט? איז איהר בעסער?

שיינע הענני. וואוהין קריכסט דו, משוגענער? גען בע־סער ברענג, ביי מיר אויפ'ן טיש שטעהט א פלאַקאָן מיט אָ דע קאָלאָן.

בענטשיק. עס איז פאַר דער מומע אסתר? איין שפּרונג, בין איך שוין דאָ. שאַ! (שפּרינגט) אָ־דע־קאָלאָן (שפּרינגט ארויס.)

קרוינע. וויא מיינט איהר, אפשר וואָלט מען געשיקט נאָך אַן אַלטען דאָקטאָר? ... דיא אַלטע דאָקטוירים ווייסען דאָך מעהר, ער שטעלט צו א שפּאַנישע פליעג, א באַנקע, א פּיאווקע, א האָר־טשישניק... ביי דעם יונגען איז נאָר „נעוורים“ און „נעוורים“ און העסטעריע... איך וויים! אסתר האָט ביי איהם העסטעריע, חנה אפּנים וואָלט ביי איהם געהאַט הענעריע... פע! איך האַלט ניט פון א יונגען דאָקטאָר.

שיינע הענני. און איך האַלט זעהר פון א יונגען דאָקטאָר; אַן אַלטער דאָקטאָר... פע!

לואיזע. וואָס שפּרעכען זיא, פרוי רבי? ער האָט אויך אין דייטשלאַנד שטודירט.

חאַסיע. (עפענט שטיל דיא טיר.) באַרישניע, עס איז שוין נאָך נייען. ניט פערגעסען געבען דער מאַדאַם א לעפעל רעצעפּט?

שיינ העני. מען האָט ניט פערגעסען געבען א לעפעל רעצעפּט. טראָג זיך אָב.

חאסיע. פריילין לואיזע, זאָל איך אפשר דער מאדאם אבקאָכען א יוך פון א פעטע עוף?

לואיזע. בעוואהרע גאָט! דער דאָקטאָר האָט עס שטרענג פערבאָטען.

חאסיע. א פעטע יוך אין בויך אריין שאַדעט, און קאַלטע וואסער צום קאָפּ העלפט! דיא היינטיגע דאָקטוירים לאָזען דען צו מע זאָל געזונד ווערען? (בייזלעך, אב.)

קרוינע. מיך שרעקט זעהר וואָס איהרע געדאנקען... איהר האָט בעמערקט? דיא געדאנקען. וועה איז מיר.

לואיזע. דאָס מאַכט ניכטס... דאָס קאָמט זעהר אָפט נאָך איינער ענטבינדונג, אָדער ווען איינע פרוי שוואַנגערט. (בענטשיק קומט מיט א פלעשעל, געהט אויף דיא שפּיץ פינגער.)

קרוינע. אזוי? זאָלט איהר געזונד זיין, וואָס הייסט „שוואַנגערט“? אָי וועה איז מיר, אין אונזערע צייטען האָט מען גאָר ניט געוואוסט דערפון... א נייער דייטשישער חולאת!

שייני העני. עס איז ניט קיין נייער און ניט קיין דייטשישער חולאת... אין אידיש הייסט עס טראָגען.

בענטשיק. טראָגען, יא! (בעשעפטיגט זיך מיט דיא פלעשלאך אויפ׳ן טיש) למשל, איהר ווילט אויף דייטש זאָגען: טראָגט אוועק דעם קישען, דאַרפט איהר זאָגען: ביטע שוואַנגערט מיר אוועק דיא פּאָדושקא. (אלע לאכען שטיל.)

קרוינע. זאָל זיין שוואַנגערט מיר דיא פּאָדושקא; אָט אפנים דיא גאַנצע דייטשישע תורה וועל איך שוין ניט אויסלערנען. (פלוצלונג א שטאַרקער קלאַפּ. בענטשיק פערטשעפּעט זיך אָן טישעל מיט דיא פלעשער, וואַרפט זיי אויף דער ערד. אלע ערשראָקען. קרוינע און לואיזע לויפען צו דער קראַנקער.)

שייני העני. דיא אויגען זיינען דיר ארויסגעקראָכען? שאַרלאַטאַן!

בענטשיק. (שלאָגט זיך אין קאָפּ) אָי! א מיתה משונה זאָל אויף מיר קומען! וואָס האָב איך געטהאָן? וואָס האָב איך געטהאָן? (ר׳ זיסעל לויפט אריין.)

ר׳ זיסעל. רבונו דעלמה כולה, וואס איז? אויפגעוועקט אסתרקה׳ן?

שיינ׳י הענ׳י. בענטשיק שארלאטאן.

בענטשיק. אויב איך האב דאס געטהאן אונמיסטען, זאָלען מיר אבדארען דיא הענד... אַי וועה איז מיר! זעהט, דיא מומע אסתר! (לואיזע און קרוינע פיהרען אריין אסתרקה׳ן. בלאס, זיא טראגט אַ ווייסען פענואר.)

שיינ׳י הענ׳י. (לויפט אַנטקעגען) זיץ דאָ, אסתרקה. (העלפט איהר.) שפאר דיך אָן, אזוי. (וויל איהר געבען א קישען.)

אסתר׳קע. ניין! וואס טהוט איהר? איך בין גאָר ניט אזוי שטארק קראנק, וויא איהר מיינט. זאָג מיר, טאטעניו, וואס איז דאס? דיא לעצטע צייט, וויא איך מאך נאָר צו דיא אויגען, איך שלאָף נאָך ניט, ווייזט זיך מיר אויס, איך ווער גרינג וויא א פעדער, און איך הויב זיך אליין אויף פון דער ערד און פליה אלץ העכער, העכער.... אפנים עס איז א שלעכטער סימן.

קרוינע. (ווייזט אויפ׳ן קאָפּ, שטיל) אַי וועה איז מיר! איהרע געדאנקען.

ר׳ זיסעל. ווייס איך, אסתרקה, עס איז גאָר ניט. די חכמים זאָגען: עס איז ניטאָ קיין חלום אָהן דברים בטלים... נארישקייטען.

לואיזע. אָרימע פרוי, זיא זינד זעהר אָבגעשוואכט, זיי זאָלען באלד קאפפעע טרינקען.

שיינ׳י הענ׳י. יא, יא! איך וועל שוין אָנמאָהלען קאפע.... אַי, אסתרקה, ווען איהר זאָלט האָבען פרייליין לואיזע׳ס אפעטיט. (זיא וויל מאָהלען קאפע, בענטשיק רייסט ביי איהר ארויס.)

בענטשיק. ניין, איך וועל מאָהלען! טהייערע שייני העני, גיב מיר, זיי אַ גוטע (נעהמט און מאָהלט).

שיינ׳י הענ׳י. זעהט, און אז אסתרקה דארף נעהמען א לעפעל מעדיצין האָבען מיר אלע פערגעסען.

קרוינע. (גיט איהר) נא, מיין קינד, ועסט פערבייסען מיט אַ ביסעל איינגעמאכטס. (גיט איהר פון א סלאָי ווארעניע.)

אסתר׳קע. פריהער האָבען אלע געוואָלט מיך קראנק מאַכען און איצט ווילען אלע מיך געזונד מאכען. ווען אלע זיינען גוט צו א מענשען, פיהלט מען אזא פרייד אין הארצען... אויף מיין וואָרט,

צוליעב דעם אַליין איז כדאי קראַנק צו זיין... מאַמעניו, איך וויל ניט קיין איינגעמאַכטס...

בענטשיק. אויב דאָס וועט אייך זיין צו רפואה, גיט, וועל איך פאַר אייך אויפעסען דעם איינגעמאַכטס.

אסתר׳קע. עס, בענטשיקעל, און זאָל דיר זיין צו אַ רפואה שלמה, אמן. (אלע לאַכען, בענטשיק גיט אַ נאַש איינגעמאַכטס און מאַלט איניגע מאָל.)

לואיזע. רבי, איהר טאָכטער ווירד „אין מיצרי שהם" גע־זונד זיין. (אב.)

ר׳ זיסעל. קרוינע, מחשבותן, איך האָב דיר געוואָלט זאָגען...

אסתר׳קע. טאַטעניו, איך וויים, דו ווילסט זאָגען דער מאַ־מען, אז שמואל יאָסעל איז געקומען צופאָהרען...

ר׳ זיסעל. (ערשראָקען) שטייטס, פון וואַנען ווייסטו דאָס?

אסתרקה. איך וויים אליין ניט, אפשר האָט זיך מיר גע־חלום׳ט, אָדער איך האָב עפּעס געהערט.

ר׳ זיסעל. רבון העלמים, וויפיעל פּלאי פּלאות! נאַ! קרוי־נע, קום אקארשט.

קרוינע. (צייגט אויפ׳ן קאָפּ) אָי! א צרה האָט מיך דער־שלאָגען. (ביידע אב.)

בענטשיק. פערטיג! מוהמע אסתר׳קע, איהר זייט ניט בייז וואָס איך האָב אייך אויפגעוועקט?

אסתר׳קע. ניין, נארעלע, דו האָסט מיך גאָר ניט אויפ־געוועקט, איך האָב ניט געשלאָפען, איך בין געלעגען מיט צוגעמאַכטע אויגען.

שיינע העני. דול איהר ניט דעם קאָפּ, דו! אסתר׳קע, איך גיב דיר קאַפּע. (גיסט אָן.)

אסתר׳קע. אַמאָל זייט איהר געווען אזוי שלעכט צו מיר.

שיינע העני. און איצט האָב איך דיך ליעב וויא אַ שוועסטער. (אומאַרמט זיא.) דו ווער נאָר געזונד, וועסטו זעהן וואָס פאַר אַ גוטע פריינד מיר וועלען זיין...

בענטשיק. איך האָב שטענדיג געזאָגט, דיא טעלעפּענ־טשיק איז אַ גוטע, נאָר איך האָב אייך פיינט געהאַט ווייל... איך

ווייס אליין ניט פארוואס... אבער איצט, וויא איך בין א אידיש קינד, וואָלט איך געוואָלט זיין קראנק פאר אייך... און אז מי האָט געמיינט אז איהר וועט חלילה שטארבען, האָב איך אָפט געטראכט, איידער איהר, זאָל בעסער דער טאטע שטארבען.

אסתר׳קע. רעד ניט קיין נארישקייטען, בענטשיק, גאָט זאָל דיך ניט שטראָפען דערפאר.

שיינע העני. (גיט איהר קאפע.) זייט דו ביזט קראנק, ביזט דו מיר זעהר טהייער געוואָרען.

בענטשיק. און איך האָב אויף אייך רחמנות, זייט אייער קינד איז געשטאָרבען.

שיינע העני. (גיט איהם א שטארקען קניפ.) געה אין דר׳ערד אריין!... טרינק קאפע, אסתר׳קע, זעהר א גוטע קאפע.

אסתר׳קע. ניין, איך וויל ניט. (פערדעקט איהר געזיכט, וויינט.) וועה, וואָס דאָס אָרימע קינד איז נעבאך אויסגעשטאָנען...

שיינע העני. קום אסתר׳קע א ביסעל אין זאאַל אריין, וועסט זיך דורכגעהן... קום, איך וועל דיר שפיעלען עטוואָס. (ביידע פיהרען זיא.) דו ווייסט, איך האָב דיר געקויפט א פאָר ווארימע טופליעס, אינעווייניג מיט פוטער... אי, וועל איך דיר שפיעלען עטוואָס.

בענטשיק. (אפארט.) איך האָב פערגעסען, אז מי טאָר איהר ניט דערמאָנען... א קרענק מיר אין מיינע ביינער אריין!

אסתר׳קע. אייך פאסט אפשר ניט אזא מאמע ווי א איך, דאָך, איך בעט אייך, מיינע קינדער זיינען טוידט, זייט איהר איצט מיינע קינדער און איך וועל זיין אייער מאמע... אי — ווען מי איז קיין מאמע ניט, איז זעהר שווער צו לעבען אויף דער וועלט... איך בין איצט א מאמע אָהן קינדער, איהר זייט קינדער אָהן א מאמע, זייט מיינע קינדער. (וויינט און לאכט.) איהר זייט א ביסעל צו גרויס, אבער קינדער זייט איהר. (אלע דריי אב. מען הערט שפיעלען. צוערשט פרעהליכס, דאן שאפענס טרויער־מארש. ר׳ זיסעל, קרוינע און שמואל יאָסעל קומען אריין. דער לעצטער מיט א קעסטעל חלפים און א תפילין־זאק.)

קרוינע. וואו איז אסתר׳קע? (קוקט אריין.) זיא איז מיט דיא קינדער אין הארניצע, זיץ, שמואל יאָסעל... וואָס איז דאָס ביי

דיר? דיא חלפים? שטעל עס אוועק. (נעהמט צו די חלפים, לעגט זיי אויפ'ן טישעל מיט דיא פלעשלאך.)

שמואל יאסעל. איך האב געקלאפט, געקלאפט ביי אונז אין טהיר, אין קול ואין עונה... ביז א שכנה האט מיר אנגעזאגט דיא בשורה— זיא איז זעהר קראנק?

קרוינע. גאנצע נעכט זיצען מיר דא; דאנקען לויבען גאט, איהר איז איצט פיעל בעסער, אבער דיא געדאנקען... דיא געדאנקען, וועה איז מיר!

ר' זיסעל. עס האט זיך אנגעפאנגען ווען איהר קינד איז געשטארבען, מיר האבען געמיינט, זיא וועט עס ניט איבערטראגען, איך האב דיר געשריעבען... נאכדעם האט זיא זיך א ביסעל בערוהיגט.

קרוינע. בערוהיגט! אזא בערוהענעש אויף אלע משומדים, רבונו של עולם! זיא איז אומגעגאנגען שטיל מיט א מאנאלקאליע אין הארצען... נו, וויפיעל איז שוין? עס איז אכט וואכען אז זיא איז, ניט פאר קיין אידישע טאכטער געראכט, געלעגען געווארען און האט געבוירען א טויט קינד... זאלסט זעהן א חלאת! זיא האט געוויינט, געלאכט, גערעדט משונה זאכען... וועה איז מיר, אין אונזערע צייטען האט מען פון אזעלכע קרענק ניט געוואוסט.

ר' זיסעל. איך האב געמיינט לכתחילה, אז עס איז נאר פון צער, וויא זאגען דיא חכמים: „אין אדם נתפש על צערו“, ווען א מענש האט צער...

קרוינע. אוי, שמואל יאסעל, וואס מיר זיינען פון איהר אויסגעשטאנען! פלוצים דערהערט זיא א ריח פון פלייש און הייבט אן לאכען און וויינען, וויא א ווילדע, אדער, ער קומט, הייבט זיא אן שרייען מיט איהר קול: נעהמט צו דיא טרפה פון דאנען! איך קען איהם ניט אנקוקען! זעהר שעהן, וואס מיינסט דו— שש! מיר דאכט זיך, זיא געהט אהער. אסתר'קע, שיינע העני און בענטשיק קומען אריין. שמואל יאסעל שטעהט אויף, בלייבט שטעהן פערשעמט.)

אסתר'קע. אוי! שמואל יאסעל! איך האב געפיהלט דו דארפסט איצט דא זיין... וואס מאכסט דו פארט? אה, ביזט שוין געווארען א גאנצער איד.

קרוינע. זעה וויא ער שעמט זיך. (צו שיינע הענִי.) אַט, הפנים ער האָט מורא פאר איך.

שיינע הענִי. קום, בענטשיק, ער האָט מורא פאר א מיידעל. (שטיל צו אסתר'קע.) איך האָב ליעב שעמעדינע.

בענטשיק. רבי, דער איד רויכערט ניט? נו, גיט כאָטש א שמעק טאַבעקע. (נעהמט אַ שמעק טאַבעק.)

שיינע הענִי. בענטשיק שארלאַטאַן! (ער ניסט.) געזונטערהייט... גענאָסען אויפ'ן אמת. (נעהמט איהם פאַר'ן אויער. ביידע אב.)

קרוינע. א גרויסער שייגעץ, קיין עין הרע זאָל איהם ניט שאדען.

אסתר'קע. א שטיפער... אויסגעוואקסען אָהן א מאַמע... שמואל יאָסעל איז אויסגעוואקסען אָהן א מאַמע, זעהט ער אויס, —ווער האָט עס געזאָגט— גלייך אימיצער האָט איהם געגעבען איבער דער פאַטילניצע; א'ן אנדערער וואקסט אויס, זעהט ער אויס, וויא ער וויל אימיצען געבען איבער דער פאַטילניצע... ביטער ווען קינדער בלייבען אָהן א מאַמע, עס איז אבער נאָך ביטערער, ווען א מאַמע בלייבט אָהן קינדער. (פערטראַכט זיך.) אבער, וויא קומסט דו אהער, שמואל יאָסעל? האָסט אָנגעוואָרען דיא שטעלע דאָרט... וויא אזוי רופט מען דיא שטעדטיל?

שמואל יאָסעל. דיא שטעדטיל רופט זיך באבער. איך בין ביי זיי שוחט ובודק, אי א שליח צבור.

ר' זיסעל. א בעל תפלה, אסתר'קע, א חזן, רופט זיך א שליח צבור... ש"ץ איז דיא ראשי תיבות.

אסתר'קע. שאַץ? איך וויים, עס איז ניט אזא שאַץ, וויא דיא דייטשקע האט.

שמואל יאָסעל. קהל זאָגט אָבער, איך קען ניט בלייבען א בחור... פון מיינעט וועגען, וואָלט מיך ניט געהארט אפילו קיינמאָל ניט חתונה האָבען, אבער קהל זאָגט... בין איך געקומען זיך א'ן עצה האַלטען מיט'ן פעטער... פריהער איז געווען א צרה דיא סמיכה, איצט איז א נייע צרה, א חתונה...

אסתר'קע. פאַר וואָס ניט? דו וועסט נעהמען א כשר קינד, און איהר וועט ביידע געווים גליקליך זיין... דו ביזט א גוטער, א'ן עהרליכער. (ווישט אַ טרער.) דו קוק ניט אויף מיר, שמואל

יאָסעל, איך בין איצט זעהר שוואך און נאָר עפּעס גיסען זיך, אָהן מיין ווילען, טהרערען פון דיא אויגען... נו, זיינען דאָרט גוטע מענשען אין דיין קהל? איז דיר ניט שלעכט דאָרט?

שמואל יאָסעל. דיא מענשען זיינען ניש־קשה, אבער דיא אָקסען... איך האָב נאָך אַלץ גרויסע צרות ווען איך דאַרף קוילען אַ'ן אָקס... ער קוקט מיט גרויסע רחמנות'דיגע אויגען, און איך שנייד מיט'ן שאַרפען חלף, און דאָס הייסע בלוט גיסט...

ר' זיסעל. ער דערצעהלט חידושים... וואָס רעדן? שחיטה איז שחיטה! קרוינע, דיא חכמים זאָגען: „דאסא עד פרסה, צוליעב קאַשע געהט מען א מייל, ובישרא... צוליעב פליישׁ...

קרוינע. איך וועל געהן זאָגען, חאַסיע זאָל איהם געבען עפּעס וואָס איז... ער האָט נאָך פון ווארעמעס אָן אין זיין מויל ניט געהאַט... אסתר'קע, איך בין שוין דאָ. (ר' זיסעל און קרוינע אב.)

אסתר'קע. ביזט אפשר אויך הונגעריג, שמואל יאָסעל?

שמואל יאָסעל. הונגעריג! וויים איך! אוי! אסתר'קע, וויא קראַנק דו ביזט, וועה איז מיר...

אסתר'קע. געזונד איז גאָר ניט, שמואל יאָסעל; גליק איז דער עיקר... איך בין אַ'ן אונגליקליכע, צוליעב מיר זיינען אויך מיינע קינדער אונגליקליך... זיי שטאַרבען... זיי שטאַרבען, גאָט שטראָפט מיך אַזוי שווער ניט אומזיסט... דיר שמואל יאָסעל, דיר מעג איך זאָגען דעם אמת: ניט אומזיסט שטראָפט מיך גאָט, מיין זינד איז גרויס און שרעקליך.

שמואל יאָסעל. וואָס רעדסט דו דאָס? דו ביזט א זינדיגע? גאָט איז מיט דיר!

אסתר'קע. דו מיינסט איך בין א היילינֿע, ווייל איך בין א שטילע: איך זינדיג צו גאָט יעדע מינוט. יעדע פרוי איז מחויב איהר מאַן ליעב האָבען... און איך קען ניט... אז מי האָט חתונה דאַרף מען נור דענקען פונ'ם מאַן און... און... ער ליעגט מיר קיינמאָל ניט אין דיא געדאַנקען... א־יאָ עס איז א זעהר גרויסע עברה? אָפּט... ער ווערט ווילד און אויפגעבראַכט, קושט מיינע קאַלטע ליפּען—און מיינע ליפּען האָבען איהם נאָך איינמאָל ניט געענטפערט... עס איז שוין דריי יאהר, אז איך קען זיך ניט צווינגען איהם א קוש טהון... מיך איבעלט; ווען ער נעהמט מיך

אַרום, ווייזט זיך מיר אויס אַ שכור'ער פּויער וויל מיך דערשטיקען... זיינע אָרעמס זיינען וויא קאַלטע אייזערנע קעטטען אַרום מיין האַלז. איך קען ניט הערען ווען ער רעדט צו מיר, איך קען ניט זעהן ווען ער עסט, איך קען ניט פערטראָגען וויא ער טרינקט— (כאַפּט זיך אויף ווי פערוווירט, שרייט) איך וועל משוגע ווערען! איך וועל משוגע ווערען!

שמואל יאָסעל. אסתר'קע! וואָס זאָל איך טהון? פעטער! מוהמע! (לויפט ארום ערשראָקען.)

אסתר'קע. (קומט צו זיך.) שאַ! שרעק דיך ניט... גיב מיר אַ ביסעל וואסער... אוי!

שמואל יאָסעל. וועה, וואָס פון דיר איז געוואָרען... בעסער וואָלט איך דאָס ניט דערלעבט צו זעהן. (גיט איהר וואַסער, זיא טרינקט. צלאל עפענט די טהיר, בלייבט שטעהן אָנגעשפּאַרט אויפ'ן שטעקען, שכור'לער.)

צלאל. זיי זיינעןביידע דאָ, און דוקא אָהן אַ שומר... איהר אַלטער אדוואָקאַט... ע! אקלנה, קום נור אהער. (אלקנה קומט אריין, אויך שכור'לער.) זעהסט, דער שוחט ובודק איז דאָ... וואָס ביזט דו דאָ בודק? דו שמאַראַוואָז?

שמואל יאָסעל. (ערשראָקען.) האָט... קיין פּאַראיבעל ניט... איך... חלילה...

אלקנה. חאַליאַסטרע און האָדיע!

אסתר'קע. (רוהיג.) מיר דאכט זיך, ר' צלאל, איהר זייט שכור.

צלאל. נאָך אַ מין שכור! דו פרעג אלקנה'ן מיט וועמען האָט ערשט צלאל ראַפּאַפּאָרט געטרונקען? דער גאָראָדסקאָי האַלאָווא, דער פּאָליציימייסטער,ביידע דירעקטאָרען פון שטאָדט־באַנק, דער איספּראַווניק... און טאַקי געטרונקען, פערשטעהסטו מיך... עס האָט מיך געקאָסט... אלקנה, וויפיעל האָט מיך געקאָסט? (טהוט זיך אויס, זעצט זיך אויפ'ן סאָפע.)

אלקנה. העט! העט! איבער אַ הונדערטער, האָט קיין פּאַראיבעל ניט... אין תוך גענומען, ווען מי טרינקט שאַמפּאַניער איז דאָס גאָר ניט איבערגעצאָהלט.

צלאל. א־יאַ עס איז ווערטה? (ר' זיסעל און קרוינע קומען

ארײַן.) דיא שומרים! ווען מי דארף א שומר, זיינען זיי ניטא... און ווען מי דארף זיי אויף כפרות... האסטו זיי דא!

קרוינע. אונזער אסתר'קע דארף חלילה ניט קיין שומרים, זיא איז ניט אן אייך געראטהען...

ר' זיסעל. גזלנ'טע, זאל זיין שטיל!

צלאל. וואס דארף דא דער שוחט'ל? וואס איז דא, שחיטה צי בדיקה?

אלקנה. נעכאי שחיטה, נעחאי בדיקה — באידוזשע!

צלאל. דער שנעק האט א מאל געזאגט, מיך זאל ווארפען א קדחת... ווארף איהם ארויס, אלקנה!

אלקנה. זייט זיך מטריח, האט קיין פאראיבעל ניט, און פעקעלט זיך אב, און האדיע!

שמואל יאסעל. ר' צלאל, מי זאגט איהר זייט אן עהר־ליכער איד... וויא קענט איהר מיר פערצאפּען דאס בלוט...

ר' זיסעל. ר' צלאל, דיא חכמים זאגען: „כל המלבין פני חברו ברב...—

צלאל. דיא חכמים האבען טאקע גערעדט וויא חכמים, און איהר, ר' זיסעל, רעדט וויא א נארר. אלקנה, ווייז דעם שוחט דיא טהיר!! (אסתר'קע הייבט זיך אויף עררעגט, זעצט זיך צוריק.)

שמואל יאסעל. ר' צלאל, איהר האט פערגעסען, עס איז דא א טהיר וואס פיהרט אין גיהנום אריין!

אלקנה. זאסי! זאסי! (מאכט צו די טהיר.)

צלאל. איך האב פיינט איבריגע מענשען ביי מיר אין שטוב.

קרוינע. אזוי? דיא דייטשקע לואיזע אט אפנים איז דא אין שטוב ניט איבריג?

צלאל. (צו אסתר'קע.) וואס איז, האסט מיך פארקלאגט פאר'ן רב מיט דער רבי'צין?

אסתר'קע. איך קלאג זיך פאר קיינעם ניט, ר' צלאל, און האב צו קיינעם קיין טענות, פערקעהרט, מיך הארט ניט... און צו פריילײַן לואיזע האב איך גאר ניט, זיא איז א גוטע גויה.

צלאל. אזא יאהר אויף מיר... חע! חע! וויא מיינסט דו, אלקנה?

א ל ק נ ה. א דייטשקע אָהן א חוואַראָבע... קיין עין הרע א זאַלזוליע, און האָדיע!

ק ר ו י נ ע. איהר מעגט אייך שעמען אין אייער ווייטען האַלז... אַ'ן אַלטער איד, אַ למדן, אַ חסיד — אזעלכע זאַכען... טפו, זאָלט איהר ווערען!

צ ל א ל. נאָך וואָס האָט איהר מיך געפּריציוועט? איהר האָט געהאַט אַ קראַנקע טאָכטער... אַ סחורה וואָס האָט ניט געטויגט... האָט איהר מיך געהעצקעט, הא?

ר' ז י ס ע ל. דיא חכמים זאָגען: השרוי בלא אשה, דער וואָס זיצט אָהן אַ ווייב...

צ ל א ל. דיא חכמים זאָגען: „הנושא אשה שאינה מהוגנת, כאלו חרש כל העולם וזרעו מלח! ווער עס נעהמט אַ ווייב אַ טויגעניכטס, איז גלייך וויא ער צואַקערט דיא גאַנצע וועלט און פערזייעט מיט זאַלץ.

ר' ז י ס ע ל. (בייז.) מיין טאָכטער איז אַ אשה שאינה מהוגנת? און אַ גויה רחמנא לצלן בפרהסיא...

צ ל א ל. רחמנא לצלן! וואָס איז דאָרט אזוי? איהר זייט א מורה הוראה, ווייזט מיר אָן אז מע טאָר ניט, אדרבא: ווען זי זאָל זיין אפילו אַ גויהשע אשת איש איז אויך שמאַטע. ווער רעדט ווען זיא איז אַ פנויה — אַ גויהשע יפת תואר? יהודה בן יעקב ווען ער האָט בעגעגענט אין וועג תמר'ן, האָט ער עפּעס געפרעגט קשיות? אי, וואָס ווייסט איהר? — אלקנה, שלעפּ מיר אראָב דיא שטיוועל... — זיי האָבען מיך גליקליך געמאַכט מיט זייער טאָכטער... אַ מציאה האָב איך געהאַנדעלט! אליין צוקראָכען, קינדער האָט זיא קראַנקע און טויטע. (אסתר'קע פערדעקט איהר געזיכט.) — שלעפּ, אז דו שלעפּסט, אַלטער פערד! וואָס איז, ביזט שכור?

א ל ק נ ה. (קען ניט אראָבשלעפּען דעם שטיוועל.) אין תוך געגומען דאַכט זיך, ניט שכור, און דאָך... האָט קיין פּאַראיבעל ניט... איהר האָט טאַקי אַ קאָפּ, און ביי מיר... אַ מאַזניצע און האָדיע!

צ ל א ל. אַ יונגע געזונדע ווייב, וואָלט מיר שוין לאַנג ניט אראָבגעשלעפּט דיא שטיוועל? בענטשיק'ס מוטער, עליה השלום,

ווען איך בין געקומען פון ליבאוויטש.... ע! בענטשיק! בענטשיק!
(בענטשיק און שיינע העני קומען אריין.)

שיינע העני. טאטעניו, איך האב דיך געוואלט בעטען... אסתר'קע איז אזוי קראנק... דער דאקטאר האט אנגעזאגט, מי זאל זיא ניט בעאונרוהיגען.

צלאל. איך צאהל דעם דאקטאר געלד, ניט ער מיר... שוטה! ער דארף טהון וואס איך הייס, ניט איך, וואס ער הייסט.

שיינע העני. טאטעניו, זאל איך אפשר רופען לואיזע', זיא זאל דיר אויסבעטען אין קאבינעט?

צלאל. וואס? דו ווילסט מיר אויך עטוואס אויסווארפען? ארויס פון דאנען. בענטשיק, שלעפ מיר אראב דיא שטיוועל. (בענטשיק שלעפט, עס פאלט ארויס א מטבע, ער הויבט זיא בגנבה אויף און שלעפט דעם צווייטען שטיוועל.) העי! קאראמאנשציק, וואס האסטו דאס גע'גנב'עט פאר א מטבע?

בענטשיק. א מטבע? אויך מיר א מטבע, צוואנציג קאפיקעס! וואס־זשע, עס איז אפשר ניט ווערטה? סך הכל ווער ביזט דו? און פערגעס ניט, דיר האט אויסגעטהאן דיא שטיוועל אליין ר' צלאל ראפאפארטס זוהן. (דערלאנגט איהם טופלעס.)

צלאל. חא! חא! איהר הערט, א גנב רעדט! ביזט געהרכט, עס איז ווערטה א סך מעהר. נא־דיר א זילבערנעם קערביל. וואן פון דאנען! (בענטשיק אב.)

אלקנה. האט קיין פאראיבעל ניט, איך וועל אהיים איצט ניט דערקריכען... אין תוך געגומען, פאר וואס זאל איך ניט שלאפען אין קאנטאר? מיינע פיסנאהעס זיינען אקוראט וויא געפנעטעט... האט א גוטע נאכט, און האדיע. ר' צלאל, האט קיין פאראיבעל ניט, דער שאמפאניער איז הפגים יין נסך... ווארום כשר'ער ווייך דארף שלאגען איבער'ן קאפ, און ער שלאגט איבער דיא ליאזשקעס! האט קיין פאר איבעל ניט, איבער דיא ליאזשקעס און זאסי! (אב).

צלאל. וואס־זשע, פון א שווער און שוויגער קען מען גאר קיינמאל ניט פטור ווערען, הא? האט א גוטע נאכט, ד' יצליח דרכיכם.

ר' זיסעל. שש! ר' צלאל וויל אברוהען, קום!

אסתר׳קע, האָב אַ גוטע נאַכט; גאָט זאָל זיין דיין שומר, דיין וועכטער, דיין רופא! באברתו יסך לך. (גיט זיך אַ גלעט איבער׳ן פלייצע און געהט אב.)

קרוינע. (שטיל.) האָט זיך אויסגעצווינגען — צונויפּ־קאַרטשען זאָל עס איהם, רבונו של עולם! (לויט.) אַ גוטע נאַכט, אסתר׳קע. (קושט זיא.)

אסתר׳קע. מאמע, איך וועל איצט ניט קענען בלייבען אליין... איך פיהל (בעדענקט זיך.) איך וויים, דו קענסט דאָ ניט בלייבען.... גּעה געזונטערהייט! (קרוינע אב.)

צלאל. דאַנקען גאָט, פטור געוואָרען? קום אהער אסתר, אהער גּעה צו מיר!

אסתר׳קע. זייט ניט בייז, ר׳ צלאל, איך פיהל אזוי... מיר דאַכט זיך, איך וועל באלד האָבען היסטעריקע.

צלאל. היסטעריקע—מיסטעריקע! דאַכט זיך אַ רב׳ס אַ טאָכטער האלט ניט פון קיין מאָדעס, און אַ קרענק האָט זיא וויא אַ מאָדנע מאַדאַם. וויא קומט צו דיר היסטעריקע?

אסתר׳קע. איך וויים ניט, אייך האָט גאָט געגעבען געזונד, און מיר הפנים קומט ניט...

צלאל. נו, דו ביזט קראַנק, אבער נאָר צוגעהן צו מיר, זאָגען אַ גוט וואָרט, אַ קוש געבען, דאַרויף האָסט דו דאָך גענוג געזונד... חע! חע! דו הערסט? איך האָב אליין אויסגעטרונ־קען דריי פלאַש שאַמפּאַניער... קום אהער, גיב מיר אַ קוש...

אסתר׳קע. אַי, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, איך האָב פערגעסען פרעגען ביי שיינע העני, וויא אזוי מי דאַרף נעהמען דיא פּיללען... איין מינוט. (וויל געהן.)

צלאל. (זעצט זיך.) איך פערשטעה, דו ווילסט זיך ארויס־דרעהען און איך זאָל דערווייל̈ע אנשלאָפען ווערען... קום אהער! קום צו מיר, נו...

אסתר׳קע. (גיסט זיך אָן וואסער, טרינקט. שטיל.) גאָטעניו, פאָטער, וועלען זיך אַ מאָל ענדיגען מיינע צרות?

צלאל. וואָס? לאָזט זיך נאָך בעטען? דו נעהמסט זיך איבער? דו? טפו! ניט דערלעבען זאָלסט דו, גרינע יאשצערקע, איך זאָל דיך בעטען. (געהט ראָש צום טהיר.) עי! לואיזע! פריי־

ליין לואיזע! חא! חא! וויא זאגט אלקנה, א דייטשקע אהן א כווארעבע... קיין עין הרע! (אב.)

אסתר׳קע. ראכט זיך, מיך הארט ניט, און דאך פיהל איך אזוי מיאוס, פע! צו וועלכע זאכען מי דארף זיך צוגעוואוינען ווען מי האט חתונה... ניין! לואיזע איז ניט שולדיג... און ער... ווען איך זאל זיין א׳ן אנדערע, וואלט ער זיך אפשר אנדערש געפיהרט... גאט איז מיין עדות, איך קען ניט! איך קען ניט! (מאכט צו די טהיר, געהט אום פערטראכט. פויזע.) דיא לעצטע צייט וויזט זיך מיר אוים, דיא גאנצע וועלט איז א שטיק עקעלהאפטע מיאוס׳קייט, דאס לעבען א מיאוס׳קייט, אלע מענשען מיאוס׳ע ברואים, אלעס וואס זיי טהוען — פע!... זיינען זיי הונגעריג — זיינען זיי וויא חיות; זיינען זיי זאט — וויא בהמות; רעדען זיי קרומען זיי זיך וויא לצים; שלאפען זיי, כראפען זיי וויא חזרים... פע! פע! מיאוס! מיאוס! אלעס אין דער וועלט איז מיאוס. (פויזע.) דיא איינציגע שעהנהייט, דער איינציגער ציערונג פון דער וועלט איז קינדער, און זיי האט גאט ביי מיר אויך צוגענומען... אקוראט וויא בלומען וואס וואקסען אויף א קבר, אזוי זיינען דיא קינדער אין אונזער פינסטער לעבען!... דער מלאך המות איז אבער געקומען, האט דיעזע בלומעלעך אויסגעריסען און זיי ליעגען איצט אליין אין ענגע פינסטערע קברים׳לעך. (וויינט. שיינע העני און בענטשיק קומען אריין.)

בענטשיק. דיא מוהמע אסתר וויינט.

שיינע העני. וואס איז, אסתר׳קע? וויעדער דיא נערוועו... נעהם א פולווער. (גיט איהר.)

בענטשיק. אייערע זיינען אלע אין פליגעל... זיי האבען מורא אייך לאזען... און אייער שוועסטער־קינד זאגט, ער האט דא עפעס פערגעסען. (אסתר׳קע הערט ניט זיינע רייד.)

שיינע העני. שארלאטאן, הער אויף רעדען! אסתר׳קע, איך וועל זיצען אין זאאל און אויב דו וועסט ניט קענען שלאפען, וועל איך מיט דיר זיצען, ווען ער וועט אנשלאפען ווערען.

אסתר׳קע. ניין, שיינע העני, איך וועל שוין וויעדער א גאנצע נאכט ניט שלאפען. איך פיהל...

שיינע הענ י. וואוהין איז ער אוועקגעגאנגען אונזער פעלדפעבעל?

בענטשיק. וואס מאכסטו זיך תם'עוואטע? ווייסט ניט וואוהין ער איז געגאנגען? איך האב נאך מיט פינף יאהר צוריק געוואוסט וואוהין ער געהט. יא, נאך מיט פינף יאהר צוריק האב איך געמעגט זאגען: שיינע העני, עס מעג א רוח אין דיין טאטען.

שיינע הענ י. דו וואקסט דאס א שארלאטאן... דער טאטע וועט זיין א צוציק געגען דיר!

אסתר'קע. פע! קינדער, וואס רעדט איהר דאס? בענטשיק, דיינע רעד מאכען מיך נאך ערגער קראנק... ווע איז מיר, וויא קען מען זיך ערלויבען אזוי גראב... און געגען וועמען? געגען א טאטען... אי, עס איז א וועלט! (א געראויש.) הא? איך הער ר' צלאל געהט. (זיי לויפען צו דער טהיר. צלאל קומט זיי אנטקעגען, זעהר אויפגעלעגט.)

צלאל. איהר זייט גאר דא, מיינע סוויניאקעלעך? געהט, געהט, שרצים, איך וויל שלאפען.

בענטשיק. האב א גוטע נאכט, טאטע. (שטיל.) שיינע העני, זאג דעם טאטען, גאט זאל איהם שיקען א רפואה שלמה. (ביידע אב.)

צלאל. נו, איצט מעג מען געהן שלאפען, איך דארף מארגען פריה פאהרען אין וואלד. (געהט הינטער דיא פארטיערען, קרומט זיך.) טרפה בריה מיינע, פערשלים דיא טהיר! איך וויל, מ'זאל מיך לאזען שלאפען. (קומט צוריק.) אויף דיר פערלאזען זיך, וועסטו מארגען ניט געדענקען וואו דער שליסעל איז, אדער וועסט נאך היינט ווידער ארייינלאזען דיא גאנצע משפחה דיינע. שאפאכע! (פערשליסט די טהיר.) אט אזוי, און דעם שליסעל צוקאפענס אונטער'ן קישען. (געהט צוריק.) דו זייך דיא גאנצע נאכט און טרינק רפואות, וועסט דו מארגען זיין געזונד וויא א יון. פע! צוקראכענע רבני'שע לעמעשקע. (ער לעגט זיך אין בעט.) דו חולאת מיינע, מאך קלענער דאס פייער, איך וועל ניט קענען איינשלאפען. (ער גענעצט.) אה, בשם ה' אלהי ישראל, מימיני מיכאל,

ומשמאלי גבריאל, ולפני אוריאל, ומאחורי רפאל, ועל ראשי שכינת אל! (ווערט גיך אנשלאָפען. עס הערט זיך אַ כראָפּען.)

אסתר'קע. וואָס איז דאָס? מיר ווארפט הענד און פיס, איך וועל נעהמען אַ לעפעל מעדיצין... (געהט צום טישעל, נעהמט אַ לעפעל מעדיצין.) דו הערסט? ער שלאָפט שוין. אַ געזונדער מענש... און האָט ניט וואָס צו זאָרגען; וואָס קען איהם הארען, וואָס אנדערע פיהלען און וואָס אנדערע ליידען? אוי! זיין כראָפּען רופּעט און צופּעט, גלייך מי זאָל מיט אַ שטומפּען מעסער מיר שניידען מיינע גליעדער.. גאָטעניו, עס הייבט זיך אָן אַ נאַכט פאַר מיר... (טראָגט צוריק דאָס פלעשעל און בעמערקט דיא חלפים. ערשראָקען) וואָס איז דאָס? חלפים נאָר? פון וואַנען האָבען זיך גענומען דאָ חלפים? וויא קומען אהער חלפים?... אה... דאָס האָט מסתמא שמואל יאָסעל דאָ פערגעסען... וויא גראָב און שלעכט ער איז געווען צו איהם... בלוט האָט פון מיין הארץ געטריפט, ווען מי האָט איהם געטריעבען... זיינע חלפים. פו! (ווישט דעם שוייס.) און וואָס האָב איך זיך אזוי דערשראָקען? אַ קאַלטער שוייס האָט מיר בעדעקט דעם שטערן... דיא חלפים האָבען מיך שטענדיג געשראָקען. (געהט אוועק פון טיש.) שטיל און דונקעל, און איך בין אליין... ניין! דיא נאַכט וועל איך הפנים ניט איבערלעבען... אוי, זיין שלאָפען, זיין שלאָפען... איך וועל משוגע ווערען. (געהט אין אַ ווינקעל, פערשטאָפּט זיךביידע אויערען.) איך קען זיך ניט בעהאַלטען פון איהם... אפילו דער ריח פון זיין אָטהעם שטיקט מיך און ווארגט מיך... הע! חע! דיא חלפים האָבען מיך דערמאָנט, וויא שמואל יאָסעל פלעגט לערנען: „הכל שוחטין ושחיטתן כשרה“, אלע מעגען קוילען און זייער שחיטה איז כשר... אלע מעגען קוילען... אלע מעגען קוילען — און נאָכדעם פלעגט ער נעהמען דעם גרויסען שאַרפען חלף אין האַנד און ביי מיר פלעגט אָנהייבען ציטערן דאָס הארץ, און מיר פלעגט זיך אויסווייזען איך זעה בלוט... זעהט, דאָס קעסטעל איז צוגעמאַכט און איך זעה דעם חלף! (לויפט דערשראָקען צו דער טהיר און קלאַפּט.) לאָזט מיך! לאָזט מיך ארויס פון דאַנען!

צלאל. (האַלב שלעפעריג.) לאָז מיך שלאָפען! דו! משולחת. (זיא הערט זיך צו. עס ווערט ווידער שטיל.)

א ס ת ר ׳ ק ע. (געהט ראַש צום טישעל.) האָב ניט מורא, אסתר׳קע, זעהסט? אַט אַזוי זוכט מען פּגימות. (נעהמט אַרויס דעם גרויסען חלף, בעטראַכט איהם.) אַ קאַלטע שיין ליעגט אויף איהם... און דאָ איז אַ שאטען... דאָס איז דער שאטען פון טויט... ער זאָגט, ווען איך דאַרף קוילען אַ׳ן אָקס האָב איך צרות, ער קוקט אויף מיר מיט גרויסע רחמנות׳דיגע אויגען — און איך שנייד מיט׳ן שאַרפען חלף, און דאָס הייסע בלוט גיסט... און דער טאַטע זאָגט: וואָס איז פאַר חידושים, שחיטה איז שחיטה! (פערטראַכט זיך.) איך געדענק ווען שמואל יאָסעל האָט אַ כאַפּ געטהאָן דיא חלפים און האָט אַ געשריי געטהאָן: אוי, ווען ער זאָל זיין אַ׳ן אָקס! (בעוועגט דעם חלף אין דער לופט.) שחיטה איז שחיטה! (מי הערט פּלוצים שפּיעלען שיינע הענני׳ן אויף׳ן פּיאַנאָ שאַפּענס מאַרש. אסתר׳קע דערפרעהט זיך.) יאָ, יאָ! שפּיעל, שפּיעל, אויב ניט, וועל איך פון זינען אַראָב!... (לעגט אַוועק דעם חלף, זונגט מיט דעם טרויער-מאַרש און וויינט. אונבעוואוסטערהייט נעהמט זיא דאָן ווידער דעם חלף.) זעהט וויא ער גלאַנצט! און ווען מי לעגט איהם צו צום הייסען שטערען, ווערט גרינגער... פּע! וואָס פאַר אַ מיאוס׳ער גערוך עס געהט פון איהם, ווען ער אָטהעמט! געוואַלד! זיין אָטהעם שטיקט מיך! (שרייט) ר׳ צלאל, שטעהט אויף גיכער, עס וועט חלילה אַן אונגליק געשעהן! שטעהט אויף! וואָרים שחיטה איז שחיטה! (לויפט צום בעט.)

צ ל א ל. (פון הינטער די פאָרטיערען.) האַ... וועה! וואָס איז דאָס?

א ס ת ר ׳ק ע. דאָס איז אַ חלף, מיט דעם חלף קוילעט מען גרויסע אָקסען. (צלאל לויפט ארויס אַ דערשראָקענער. זיא נאָך איהם.)

צ ל א ל. וואָס ווילסט דו טהון? משוגענע, בעטראַכט זיך!

א ס ת ר ׳ק ע. איך האָב זיך בעטראַכט, איך וויל דיך קוילען, ר׳ צלאל!

צ ל א ל. (שרייט.) מענשען! אידען! (ראַנגעלט זיך מיט איהר.) גיב אַהער דעם חלף! אַהער גיב!

א ס ת ר ׳ק ע. ריהר זיך ניט צו! עס ברענט, עס שניידט, עס בריהט... (ער וויל איהם אויסרייסען.) זעהסט וויא שאַרף?

ר׳ צלאל, א לעבעדיגער געהסט דו פון דאַנען ניט אוועק! איך קען גוט הלכות שחיטה.

צלאל. וועה איז מיר, זיא איז משוגע געוואָרען! (ער שפּרינגט אויפ׳ן סאָפאַ. זיא נאָך איהם מיט׳ן חלף. ער שפּרינגט אראָב און פערשטעלט זיך מיט אַ שטוהל, זיא רייסט ארויס דעם שטוהל, ער פערשטעלט זיך מיט׳ן טיש, זיא קערט אום דעם טיש.) וואו האָבען זיך גענומען אין איהר אזעלכע קרעפטען? וועה איז מיר.... העלפט! אידען! מענשען! געוואלד! געוואלד!

אסתר׳קע. ווער שרייט עס? חאַ! חאַ! זעהט, צלאל ראַפּאַפּאָרט דער תקיף שרייט... וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען, וואָס? דו האָסט פיינט צו זיין אַ׳ן אלמן? איך וועל דיר באַלד געבען א גט... א ספר כריתות, א בריעף פון אָבשניידונג... עס איז שאַרף, עס שניידט איבער אין איין אויגענבליק!

צלאל. (לויפט צום טהיר.) וואו איז דער שליסעל? וועה איז מיר! הילפע!

אסתר׳קע. חכם מיינער, האָסט זיך אליין פערשפּאַרט... גאָט וויל דיך ניט ארויסלאָזען פון דאַנען... ניין! ניין! דיא שחיטה קומט!

צלאל. דער שליסעל איז דאָרט! (דרעהט זיך ארויס פון איהרע הענד, לויפט צו צום בעט. אסתר׳קע נאָך איהם. מען קלאַפּט שטאַרק אין דער טהיר.)

אסתר׳קע. הכל שוחטין! הכל שוחטין! (ער גיט אַ שרעקליכען געשריי און ווערט אָנשוויגען.) אהאַ! דאָס הייסע בלוט גיסט און איך שנייד. (לויפט ארויס, דער חלף אין בלוט.) עס איז א כשרה שחיטה. חאַ! חאַ! הכל שוחטין—אַלע מעגען קוילען... אַלע מעגען קוילען.

(מי ברעכט אויף דיא טהיר. ר׳ זיסעל, קרוינע, שמואל יאָסעל, שיינע הייני, בענטשיק, לואיזע, חאַסיע, אלקנה און דיענער קומען אריין.)

קרוינע. גאָטעניו, א שלאַק האָט מיך געטראָפען. (אלקנה מיט ר׳ זיסלען לויפען צום בעט.)

אסתר׳קע. דו ביזט אַ שטילער, אַ׳ן אָרענטליכער... איך האָב דיך ליעב... און דאָס וואָס דו האָסט אַ שלעכטען קאָפּ צום לערנען איז ביי מיר קיין חסרון ניט...

ש מ ו א ל י אָ ס ע ל. (פאַלט אויפ'ן געזיכט און וויינט.) אוי, וועה איז מיר! אסתר'קע! אסתר'קע!

א ס ת ר ' ק ע. אויב אייך איז שווער, אויב עס שטיקט אייך און ווארגט וויא מיך—נעהמט א חלף און שניידט... אייך וועט ווערען גרינגער... שניידט! שניידט!... (מאַכט מיט'ן חלף. אַלע שרייען: נעהמט אב ביי איהר דעם חלף!) שאַ! אפילו השוחט בלילה, ווען מי קוילעט ביי־נאַכט אפילו, אָדער א בלינדער קוילעט, איז אויך כשר... מזל טוב, ר' צלאל, עס איז שוין נאָך דיא תנאים: (וואַרפט דעם חלף.) מאַמעניו, ביזט אַ שלעכטע, וואָס דו ווילסט ניט רופען מיינע חבר'טעס... עס איז דאָך דיא לעצטע נאַכט אין מיין לעבען... אוי! טאַטעניו! מיין קאָפּ! מיין אָרימער אונגליק־ליכער קאָפּ! (צו־וויינט זיך ביטער. אַלע וויינען.)

ק ר ו י נ ע. מיין קינד! מיין אונגליקליכעס קינד! מיין אָרעם קינד! (וויינט פערצווייפעלט.)

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)